START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1913.24

Bruckstein, Ludovic.
Nakht-shikht : [a pyese].
[Bukarest], 1950.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1913.24

Bruckstein, Ludovic.
Nakht-shikht : [a pyese].
[Bukarest : Aroysgegebn funem Yidish Kolektiv bay der Yidisher sektsye fun] Melukhe farlag, 1950.
68 p. ; 18 cm.

1. World War, 1939-1945--Drama. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Romania-Bucharest

ID : NXYH01-B22411 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /29467

Reduction ratio X10.0

י. ל. ברוקשטיין

נאכט-שיכט

מלוכה פארלאג
1950

י. ל. ברוקשטיין

נאכט-
שיכט

מלוכה פארלאג
1950

פאר די העלדן און מיליאָנען
קרבנות געפאלענע אין דער מלחמה
קעגן אכזרישן פאשיזם.

די פארשוינען:

אין פראָלאָג:

לאנא
מירא

די בילדער:

יאקאָב
אהרן
עלי
איוואשא
סענדער
נעמיר
לייזער־וואָלף
סאכער
ערשטער העפטלינג *)
צווייטער העפטלינג
דריטער העפטלינג
פערטער העפטלינג
אָבערשארפירער מילער
היינץ } סאָלדאטן פון עס־עס
פריץ } סאָלדאטן פון עס־עס
מערערע העפטלינגען

אין עפּילאָג:

לאנא
אהרן איר מאַן
מירא
עלי איר מאן

---

*) העפטלינג — געפאנגענער אין די נאצי־דייטשע קאָנצענטריר־לאגערס.

די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער, מיט פאָלגענדער ראָל־פארטיילונג:

אין פּראָלאָג:

לאנא:	יודיט קראָנענפעלד
מירא:	אנא טעפּנער

אין די בילדער:

יאקאָב:	מאנאָ ריפּל
אהרן:	יאנקו אלפּערין
עלי:	ארמין שטאָלפּער
איוואשא:	איזי האווים
סענדער:	בענאָ פּאָפּליקער
נעמיר:	שמואל פישלער
לייזער־וואָלף:	ב. סאדיגורסקי
סאבער:	מאקס מאָריסאָן
1־טער העפטלינג	ווילי בעקער
2־טער העפטלינג	הערבערט ווילדמאן
3־טער העפטלינג	שמואל סאוועאנו
היינריך:	איזאק קאסוואן
מילער:	סאלאָ העלער
היינץ:	עליאס בערקאָוויטש
פריץ	וויקטאָר טולענפעלד

אין עפּילאָג:

לאנא:	יודיט קראָנענפעלד
אהרן:	יאנקו אלפּערין
מירא:	אנא טעפּנער
עלי:	ארמין שטאָלפּער

רעזשי: מ. סעקלער

דעקאָר און קאָסטיומען: מ. רובינגער

טעכנישע רעזשי: י. לאזאר

די האנדלונג — קומט פאָר אין יוני־אויגוסט 1944 אין אושוויצער קאָנצענטראציע־לאגער. דער פּראָלאָג און עפּילאָג דריי יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין א מאראמורעשער שטעטל.

פראָלאָג

א געמיינזאם עסצימער אין לאנאס און מיראס וווינונג. אין מיטן א ברייט פענסטער מיט מערערע פליגל אין דערנעבן די טיר וואָס מע קומט אריין פון דער גאָס. רעכטס א טיר צו לאנאס שלאָפצימער און לינקס די טיר וואָס פירט צו מיראס שלאָפצימער. אין מיטן — א טיש מיט פיר בענקלעך. לינקס ביי דער וואנט א דיוואן מיט א ביכערשראנק און א עלעקטער־לאָמפ מיט רויזן־אבאזשור צוקאָפנס, ביי דער אנדערער וואָנט פון אקעגן, א בופעט מיט פארשיידענע כלים און בלומען, דערויף א וואנט־זייגער, א פאָר פּייסאזש־בילדער און פאמיליען־פאָטאָגראפיעס אויף די ווענט, אלץ איז ארראנזשירט מיט פשטות און חן, וואָס שאפט א ווארעמע אטמאָספער.

ווען דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף, זיצן לאנא און מירא ביים טיש און האלטן אין מיטן א שמועס.

לאנא: און עלי?

מירא: עלי איז פריער מיט א שעה געגאנגען אין פאבריק.

לאנא: הייסט עס, ער אויך?

מירא: דו ווייסט דאָך, די פאבריק ארבעט איצט אין צוויי שיכטן און ער איז פונקט אין דער נאכטשיכט ווי דיין אהרן.

לאנא: איצט וועלן מיר האָבן מער צייט צו זיין אינײנעם.

מירא: יא, אונדזער צייט־איינטיילונג וועט זיין די זעלבע. (קורצע פויזע). און ווי האלט אהרן מיטן פארמעסט?

לאנא: נאָך דעם וואָס ער איז געווען א גאנצע וואָך דער ערשטער האָט אים טראיאן איין־נעכטן איבערגעיאָגט מיט פינף פּראָצענט. פון דענצמאָל אָן זע איך אז ער ארבעט עפּעס ביים שלאָסער פון אקעגן. קוים וואָס ער שלאָפט עטלעכע שעה... און היינט איז ער אוועקגעגאנגען א פריילעכער איך האָב אים געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר אהרן?" האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע עפּעס א מין מאשינדל פון דראָט, א ווערקצייג מיט אסך ציינדעלעך: א אינאָוואציע פאר זיין טריקאָטאזשמאשין! און האָט מיר געזאָגט: „ער קען ווארטן, טראיאן ביז ער וועט דערגרייכן די צען פּראָצענט מיט וועלכע איך וועל אים איצט איבעריאָגן!" ער איז אזוי אומגעדולדיק געווען אז ער איז מיט א שעה פריער אוועק צו זיין נאכטשיכט...

מירא: (פארטראכט) נאכט־שיכט!... איך טראכט; אז איך וועל מיר מוזן אנדערש איינטיילן דאָס לעבן...

לאנא: (אויך פארקלערט) ווי ווייט זענען מיר היינט פון אן אנדערער נאכט־שיכט! דערמאנסט זיך?

מירא: וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

לאנא: דערמאנסט זיך נאָך אין מארטאן? אין לאגער פון ווייסטנדאָרף האָבן מיר געארבעט אויך אין א נאכט־שיכט.

מירא: (נערווירט) דערמאנסט זיך נאָך... דערמאנסט זיך נאָך?... עס זענען שוין מער ווי דריי יאָר פארגאנגען! פון אונדזער באפרייונג און ביי יעדן רואיקערן שמועס קומען מיר צוריק צו יענע גרויזאמע געשעענישן.

לאנא: מיר מוזן זיך דערמאנען.

מירא: פארוואָס מוזן מיר זיך דערמאנען? (מאכט עטלעכע שריט צום פענסטער) קוק ארוים לאנא. דעם שטראָס האָט מען פארעכט. מען זעט נישט מער קיין רואינען. אלע מאָל בויט מען נייע הייזער. קוק ווי עס בלישטשען די ליכטער פון דער שטאָט. איינציקע צינדן זיך אָן אנדערע פארלעשן זיך. די שטאָט לעבט... (קורצע פויזע) און מיר האָבן אונדזערע געליבטע מענער וועלכע ארבעטן און שאפן און דיין קינד וועט אויפוואקסן פריי און אין שלום.

לאנא: האָסט רעכט מירא... אבער דערמאנען זיך איז נישט קיין זינד. פארקערט דאָס מאָנט ביי אונדז דאָס אש פונ אונדזערע עלטערן, פון די שוועסטער און ברודער וואָס זענען פארברענט געוואָרן אין די קרעמאטאָריעז. דאס מאָנט ביי אונדז דאָס בלוט פון אזויפיל מאמעס און קינדער, פון יענע פעלקער וואָס האָבן געבראכט קרבנות אין דער מלחמה קעגן די פאשיסטישע בארבארן. (נאָך א קורצער פויזע) האָסט רעכט, מירא. ביי אונדז אין לאנד איז היינט גוט. און עס וועט זיין אלץ בעסער... מיר מוזן זיך אָבער דערמאנען. נישט אויף צו קלאָגן, נאָר כדי נישט צו פארגעסן, מוזן מיר זיך דערמאנען...

מירא: וואָס מיינסטו דערמיט?

לאנא: ס'איז נאָך נישט אומעטום ווי ביי אונדז מירא. דאָס בייזע איז נאָך נישט אין אלע לענדער ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען. אנו לייען! (דערלאנגט איר א צייטונג וועלכע ליגט אויפן טיש).

מירא: (לייענט) „דער פּראָצעס פון די קאָמוניסטישע אָנפירער אין אמעריקא". (פארוואונדערט) וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

לאנא: (חזרט איבער) יאָ! „דער פּראָצעס פון די קאָ־מו־ניס־טי־שע אָנ־פי־רער..." אזוי האָט עס אויך אין בערלין אָנגעהויבן. ס'האָט געברענט דער רייכסטאָג צום ערשטן זענען עס געווען די קאָמוניסטן. מען האָט אָנגעהויבן פארפאָלגן די בעסטע קעמפער פאר סאָציאלער גערעכטיקייט... דערנאָך זענען די יידן געווען קאָמוניסטן. ס'פארשטייט זיך, די פשוטע יידן, די ארבעטער. דערנאָך האָבן זיי נישט געמוזט הייסן אומבאַדינגט קאָמוניסטן. ס'איז גענוג געווען וואָס זיי זענען געווען יידן. שפּעטער זענען געקומען אין דער ריי די עסטרייכער, די טשעכן, די פּאָליאקן, די אונגארן, די רומענער, אלע „„איינפאכע" ראסן... עס איז גענוג גענוג געווען זאָלסט נישט זיין א דייטש.

מירא: (ווו דערוועקט) און דו מיינסט אז אין אמעריקא, היינט...

לאנא: היינט זענען עס נאָר די קאָמוניסטן... און די נעגער... און אביסל אויך די יידן... זעלבסטפארשטענדלעך נישט די קאפיטאליסטן נאָר די ארבעטער (נאָך אפויזע) יאָ, מירא מיר דארפן זיך דערמאנען אין יענע וואָס האָבן געליטן און געקעמפט און זיך מקריב ווען... מע דארף דערמאנען דער גאנצער וועלט, ווו אהין סע פירט דער דאָזיקער וועג, וועלכער הויבט אָן מיט א פראָצעס ווי דער... אז מען זאָל נישט פארגעסן. קיינער זאָל נישט פארגעסן, כדי צו פארהיטן א ניי אומגליק וועלכער — איז עס מעגלעך? — קען זיין נאָך גרעסער... (עטלעכע רגעס טיף שטיל).

מירא: (האקט איבער די שטילקייט) לאַנאַ דו האָסט אָנגעהויבן דערציילן פון מארטאן...

לאנא: יאָ, מיר האָבן אינײנעם געארבעט אין דער אמוניציע־פאבריק פון וויסטענדאָרף. די געבײדע איז געווען א שיינער פאלאַץ אויפן ברעג פון א טייך. מיט שפרינג־ברונעמער אין גאָרטן, ארום וועלכע ס'האָבן זיך געשפילט קינדער וואָס מען האָט אהינגעבראכט פון אלע עקן דייטשלאנדס, אויפן דאך פונעם פאלאַץ איז געווען א רויטער־קרייץ אויף א ווייסן־הינטערגרונט. די לופט־אליארמען זענען געווען גאנץ אָפטע, אָבער די אוויאָנען זענען ווייטער געפלויגן צו אנדערע שטעט. די דייטשן האָבן זיך געשקירעט? צופרידן פון זייער כיטרעקייט: „דאָ וועלן זיי קיין באָמבען נישט ווארפן. דאָ איז דאָך א דאָרף ווי מע באהאלט עוואקואירטע קינדער פון באָמבארדירטע ערטער, און דער פאלאַץ איז א סאנאַטאריום פאָר טובערקולאָזע....?

מירא: און וואָס האָט איר דאָרט געטון?

לאנא: מען האָט אונדז געשטעלט ארבעטן ביי שווערע מאשינען, א מין שטאנצן פאר קוילן. מארטא האָט געהאט א באזונדערע געפערלעכע ארבעט, זי האָט געדארפט אָנפילן די הילדזן מיט עקספלאָזיוו־פולווער. זי פלעג מיר שטענדיק זאָגן: לאנא, דו קלערסט נישט, אפשער פונקט איינע פון די קוילן בא וועלכע איך ארבעט, וועט דערהרגענען דעם טאַטן...” זי האָט געביילט די פויסטן און געקריצט מיט די ציין פאר האס.

(קורצע פויזע) איינמאָל האָט זי מיר געזאָגט: „עס קומט מיר אָן אלץ צו ווארפן אין דער לופט. די צייט אָבער איז נאָך נישט געקומען... און אין א טאָג...

מירא: וואָס איז געשען? א עקספלאָזיע?

לאנא: יאָ. מיר זענען אלע אין דרויסן געווען אויפן אפעלפלאַץ, גרייט אריינצוגיין אין די באראקן. מארטא האָט געפעלט. זי איז געבליבן אין דער פאבריק. עס־עססאָלדאטן זענען זי געגאנגען זוכן. אין לאגער האָט זיך פארשפרייט דער אליארם: „א העפטלינג איז אנטלאָפן”.. פלוצעם: א שטארקע עקספלאָזיע! די לופט האָט אויפגעציטערט. די גאנצע פאבריק איז געשטאנען אין פלאַמען.

מירא: און מארטא? וואָס איז מיט איר געשען?

לאנא: מארטאן האָט מען געפונען, זי האָט נאָך געלעבט. ווען איך בין צוגעקומען, האָט זי געפרווט צו'שמייכלען. און האָט צו מיר געשטעפשטעט: „זעסט ס'איז אונדז געלונגען! אז עס קומט דער מאָמענט”. דערנאָך האָט זי שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געפרעגט: „האָסט נישט געהערט דעם סיגנאל? פון דאָרט!” איך האָב נישט פארשטאנען וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן. איך האָב געמיינט אז זי רעדט פון פיבער. זי האָט געוויזן מיט דער האנט אויף איר ברוסט: „נעם ארויס דעם בריוו” האָט זי מיר געזאָגט... דעמעלט האָב איך געהערט א דינער פון אוישוויץ. זי האָט גליקלעך געשמעכלט...

מירא: און?...

לאנא: און האָט געלאָזט די נשמה.

מירא: און דער בריוו?

לאנא: איז געווען פון אוישוויץ.

מירא: פון וועמען?

לאנא: פון עלי!

מירא: (איבערראשט) פון עלי? און ווו איז ער?

לאנא: איך האָב אים ביי זיך. (זי גייט צו צום ביכערשראנק, נעמט ארויס א בוך און טראָגט עס צום טיש, בלעטערט). דאָ איז ער לייען אים... (גיט איר דעם

בריוו). (נעמט דעם בריוו, לעגט אים פונאנדער און
לייענט מיט פארהאלטענער עמאָציע) „ליבע מארטא.
פון איוואשא האָב איך זיך דערוווּסט אז דו ביסט דא אי־
נעם שכנותדיקן לאגער...” ווער איז איוואשא?

לאנא: לייען ווייטער, וועסט זיך אלץ דערוויסן.

מירא: (לייענט) „...אפשר וועט דער בריוו נישט דער־
גרייכן צו דיר, אָבער איך פיל אז איך מוז דיר, שרייבן,
— דיר שרייבן אזוי ווי עס וואָלט געטון אויך יא־
קאָב, אלץ וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך האָב א
גרויסע האָפנונג מארטא (די עמאָציע איבערוועלטיקט
איר שטימע) איך האָף, אז דו וועסט איבערלעבן
דאָס דאָזיקע גהנום און (זי בלייבט שטיין) איך בעט
דיך לאנא, לייען דו...

לאנא: (נעמט דעם בריוו און לייענט) „...אז דו וועסט
איבערלעבן דאָס דאָזיקע גהנום. און איך וויל אז דו
זאָלסט דיך דערוויסן וויאזוי ס'איז געשטאָרבן יאקאָב.
איך וויל דו זאָלסט דערציילן פאר אלע וואָס וועלן
קומען אהיים. דו זאָלסט עס זאָגן פאר די מוטיקע
סאָוועטישע סאָלדאטן וועלכע האָבן זיך געלאָזט פון
סטאלינגראד צו אונדז אין א באפרייונגס־מארש, אז
מיר זענען נישט געשטאָרבן מיט פארלעגטע הענט
אזוי ווי עס האָבן געוואָלט די נאצישע בעסטיעס...”
(א רגע פויזע זי אָטעמט איין) „ווען איך בין געקו־
מען קיין אוישוויץ, האָט מען מיך אָפגעטיילט פון
מיין אלטן טאטן. רו קענסט די פּראָצעדור. איך לינקס
— ער רעכטס. איך בין געגאנגען ווי אין חלום. מיר
זענען אסך געווען אין יענער גרופּע: זיי האָבן אונדז
געהייסן מיר זאָלן זיך אויסטון. מענטשן אין גע־
שטרייפטע קליידער האָבן זיך ארום אונדז געדרייט.
איינער האָט אונדז אָפּראזירט, א צווייטער די האָר
אָפּגעשוירן. מען האָט אונדז געפירט אונטער א וואַ־
רעמען דוש. איך בין זייער דאָרשטיק געווען, איך
געדענק נאָך פונעם געפרעסטן וואגאָן. האָב איך גע־
טרונקען פון א קראן. דאָס וואסער האָט געהאט א
שווערן רח פון קארבאָן. מיר זענען דורגעגאנגען
נאקעטע און נאסע ווי מיר זענען געווען, דורך א

גרויסן קאלטן זאָל. אנדערע מענטשן אין געשטרייפטע
קליידער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א ריי
און האָבן אונדז צוגעוואָרפן א פּאָר הויזן, א גע־
שטייפטע בלוזע, שיך מיט גראָבע האָלץ־זוילן. ער־
געץ האָט זיך אָפּגעהילכט א פּאטש... ענדלעך זענען
מיר געגאנגען א גרופּע אויסגעוויילטע פון קארגע
צוואנציק מאן דורך א טונקלער אלייע צווישן ווייסע
סלופּעס מיט עלעקטרישן שטאכל־דראָט. מען האָט
אונדז אריינגעפירט אין א באראק. מיר זענען אלע
געוואָרן „קאנאדיערן”.. וואָס האָבן מיר געוווּסט?
אזוי האָט מען אונדז גערופן „קאנאדיערן”.. (די שטים
פון לאנא ווערט אלץ שטילער, דאָס ליכט ווערט בלא־
סער, דער וואָנטזייגער הויבט אן קלאָפּן צען אזייגער
בפּת סיוועדט טונקל אויף דער בינע און ס'קומט
פאָר די ענדערונג).

דאַס ערשטע בילד

(אין א באראק פון אוישוויץ. אין מיטן ציט זיך א קאָרידאָר, וואָס ענדיקט זיך מיט דער אריינגאנגסטיר פון דער באראק. איןביידע זייטן פונעם קאָרידאָר זענען אויסגעשטעלט דאָפּל־בעטן, שטאָקיגע, צוזאמענגעשטעלט פון אומגעפּארבט האָלץ. אין א יעדן בעט שטרוי דערויף א גרויע אָדער שווארצע דעק. אין א זייט לינקס זעט זיך ארויס די וואנט פונעם בלאָקעלטעסטער — באראק־שעפס — קאַבינע וואָס פארנעמט א ווינקל פון דער באראק, אָפּגעטיילט דורך א ברעטער־וואנד אין וועלכן סיגעפינט זיך א שמאָל אריינגאנגטירל. רעכטס א טישל. א מאָמענט איז די סצענע ליידיק, דערנאָך קומען אריין העפטלינגען — א גרופּע — צווישן זיי יאקאָב, עלי, אהרן, סענדער, סאכער און אנדערע).

עלי: ...„קאנאדיערן" פארוואָס רופט מען אונדז „קאַנאדיערן"?

סענדער: אפשר א צונאָמען?

יאקאב: זיכער פון פאראכטונג!

אהרן: אפשר זענען גאָר געווען קאנאדער פאר אונדז דאָ?

סאכער: בעסער וואָלט איך באצייטנס געווען אוועק קיין קאנאדע זיין דאָרט א קאנאדער איידער דאָ א „קאנאדיער" (מיט עקל) קוק אָן די בעטן!... און וואָס פארא דעקן! און אָט מיט דעם זאָל איך מיין קערפּער צודעקן?

נעמיר: (קומט אריין פון דרויסן. שטרענג) נאָ, העפטלינגע! שוין פארנעמען די פּלעצער? אויף וואָס ווארט איר? מע זאָל אייך פארבעטן?... (צו יאקאָב)

קום דו אהער! (ווייזט אים א געלעגער) און דו! דו ארויף (ווייזט עלין דאָס אויבערשטע בעטל). (צו אהרן) דו! וואָס שטייסטו ווי א גולם? ריר דיך! אזוי! און איר פייניקע, גיכער, גיכער! סיי־ווי־סיי בלייבט איר נישט לאַנג דאָ. שנעלער, אָט באלד מאכט מען דעם אפּעל! (מיט געמאכטן הומאָר) אזוי מיינע ליבע, איך מיין אז איר פילט אייך גוט, באקוועם דאָ. ספּעציעלע אפּארטאמענטן! (פון דרויסן הערן זיך דייטשע קאָמאנדאָ־באפעלן „לאָז! אפּטרעטן!" ע"ו אלדי רוחות א קליניקייט „קא־נא־דיערן"...

עלי: פארוואָס רופט מען אונדז קאנאדיערן?

נעמיר: (שטעלט זיך אָפּ א רגע) איך קען נישט די עטימאָלאָגיע פונעם וואָרט. אזוי האָב איך עס געהערט, ווען מען האָט מיך אהער געבראכט נאָר געדענקט גוט, איר זענט קיין פּשוטע שקלאפן, נאָר אַן עליט־גרופּע פון די אוישוויצער העפטלינגע. איר זענט א „זאָנדער־קאָמאנדאָ" קאנאדיערן! ביטע איר האָט בעטן מיט שטרוי, אפילו דעקן. לוקס! ספּעציעלע באהאנדלונג. אָבער איר וועט אויך האָבן צו ארבעטן..

אהרן: (באאומרויקט) און וואָס וועלן מיר ארבעטן?

סענדער: וואָס וועלן מיר טון?

1־טער העפטל: וואָס אשטייגער וועלן מיר ארבעטן?

2־טער העפטל: בא וואָס וועלן מיר ארבעטן?

נעמיר: לאָזט, איר וועט שוין געוואָר ווערן.

עלי: (נערווירט) זאָגט, וואָס אייגנטלעך וועלן מיר ארבעטן?

יאקאָב: (רואיק) וואָס איז די נערוועזקייט? מיר וועלן געוואָר ווערן. זאָלן מיר זיין רואיק, חברים.

נעמיר: (קוקט דערשטוינט) ווער ביסטו?

יאקאָב: (קוקט אים אין די אויגן) איך בין יאקאָב. (נעמיר קוקט אים נאָך א רגע און גייט אין זיין קאַבינעט. (יאקאָב זעצט זיך אויף זיין בעט) פּהו! באקוועם! (צו אהרן) וויאזוי פילסטו זיך דאָרט אין דער היים?

אהרן: איך האָב תמיד געחלומט צו שטייגן אויף די בערג!

1־טער העפטלינג: איך ווארף זיך אין שלאף. איך האב מורא אז איך וועל אראפפאלן.

סאכער: (שפרינגט ארויס ברוגז) זאלסט נאר נישט פאלן איבער מיר! (גייט מיט דער דעק צו אן אנדער בעט).

עלי: (צו יאקאב נערוועז) וואס וועט מען מיט אונדז טון? (נאך א רגע) וואלט איך כאטש געהאט מיין אלטן טאטן לעבן מיר, ער איז געבליבן גאנץ אליין. איניי־נעם וואלטן מיר עס גרינגער געטראגן.

יאקאב: און אפשר וואלט דיר שווערער געווען צוצו־קוקן ווי ערליידט וויאזוי באנעמען זיי זיך מיט די אלטע, מיט די קינדער, מיט אונדזערע משפחות?

2־טער העפטלינג: וואס איז פון זיי געווארן?

סענדער: (קרעכצט, אויף) יואלישל, רחלע.

3־טער העפטלינג: פארוואס האט מען אונדז אפגע־זונדערט פון אונדזערע קינדער פון פרויען און אלטע?

עלי: (ווי אין חלום) דער טאטע האט זיך און מיר אנגע־שפארט, ווען ער איז אראפגעטרעטן פונעם וואגאן. ער איז געווען בלייך און קראנק... קראנק, צעבראכן... און ווען מיר זענען צוגעקומען צו יענעם אפיציר מיט דער רייטבייטש, האט ער געשיקט דעם טאטן אויף לינקס. איך האב נישט געוואלט אפלאזן זיין ארעם. דעמלט האט זיך דער אפיציר צעלאכט. גע־שטשירעט מיט די ציין. „דו ווילסט דער אלטער זאל צו דער ארבעט גיין?" האט ער געפרעגט. האב איך מיין פאטער אפגעלאזט און ווי היפנאטיזירט, בין איך געגאנגען אויף רעכטס.

אהרן: מיט מיינע שוועסטער זענען זיי מענטשלעכער געווען. איך האב צוויי יונגע געזונטע שוועסטער, האבן זיי די מאמע גענומען צווישן זיך. נאך דעם וואס מ'האט אויסגערופן „מענער באזונדער און פרויען באזונדער, האב איך זיי נאך לאנג נאכגעקוקט. פלו־צים האט דער אפיציר געוויזן דער מאמען: לינקס! און די שוועסטער „רעכטס!" זיי האבן אבער נים אפגעלאזט דער מאמעס ארעם. דער אפיציר האט זיך

צעשמייכלט און געהויבן די אקסלען: „זאל זיין, גייט מיט דער מאמען..."

סאכער: צו וואס האב איך באדארפט אהערקומען? ווען מען האט אונדז אין געטא געפירט, האב איך געזאגט מיין פרוי, מיר זאלן לעמעניקין געבן וויפיל ער פארלאנגט, אבי זיך צו ראטעווען פון דעם פאר־שאלטענעם געטא.

סענדער: ווער איז לעמעניקי?

יאקאב: (איראניש) וויאזוי, איר האט נישט געהערט פון לעמעניקי? דער באראן לעמעניקי!

סאכער: יא, דער באראן לעמעניקי! איר קענט אים? א גוטער מענטש. א פיינער מענטש. איבערהויפט נישט געווען קיין אנטיסעמיט. ווען אלע וואלטן גע־ווען ווי ער...

עלי: (דערשטוינט) מען האט זיך געקאנט ראטעווען פו־נעם געטא? וויאזוי?

סאכער: דער באראן האט אונדז געזאלט פארשאפן א „פאס" אויף צו פארן אין דער שווייץ.

עלי: (אלץ העכער, אונטערגעטראגן) וויאזוי איז דאס מעגלעך געווען?

סאכער: עטלעכע פאמיליען זענען טאקע געפארן, אין בעסטער ארדנונג. מיט א פאס. איניקע אפילו מיטן אוויאן.

יאקאב: (מיט איראניע צו עלי) וויאזוי דו ווייסט עס נישט? סע דערקענט זיך דו ביסט א פאעט, די שוועבסט אין די וואלקנס.

עלי: און ווער זענען זיי געווען, די וואס זענען געפארן?

יאקאב: ווער? דילעמער, דער אייגנטימער פון דעו באנק דילעמער עט קאמפ (צו סאכער) נישט אזוי?

סאכער: (פארוואונדערט) יא!

יאקאב: און יעקלמאן דער מעבל־פאבריקאנט (צו סא־כער) נישט אזוי? און דער טעקסטיליסט שריימאן. נישט אמת?

אהרן: (איבערראשט) שריימאן, מיין געוועזענער בעל־חבית, דער טריקאטאזשן־פאבריקאנט?

סאכער: (דערשטוינט צו יאקאָבן) פון וואנען ווייסטו עס אזוי גוט? מען האָט עס דאָך געהאלטן בסוד?

יאקאָב: זיכער! די „קונים" האָבן עס געהאלטן פאר א סוד, מע זאָל נישט געוואָר ווערן די פארבינדונג כדי דער טאריף זאָל נישט שטייגן... גלייך ווי ווען ס'וואָלט ביליגער געווען וואָלטן זיך מערערע מענטשן געקאָנט ראטעווען...

עלי: וויאזוי איז דאָס מעגלעך געווען? די דייטשן, די געשטאפּאָ, האָבן געלאָזט יידן?...

יאקאָב: (ביטער אויפלאכנדיק) יידן זעסטו? יידן? זיי זענען נישט געווען קיין יידן. זיי זענען געווען באנ־קערן, פאבריקאנטן, טעקסטיליסטן פונקט ווי די וואָס האָבן זיי ארויסגעלאָזט, זענען נישט געווען דייטש; אָדער אונגארן נאָר נאציסטן, ניליאשיסטן, וועלכע האָבן געפאָלגט זייערע אָנפירער, קאָלעגן פון די יע־קעלמאנס, שריימאנס און דילעמערס.... (און נאָך א פויזע, צו סאכערן) נישט שיין פון באראָן לעמעניקים זייט, וואָס ער האָט דיר נישט ארויסגעהאָלפן. דו האָסט אים מן־הסתם געגנוג באדינט?

סאכער: איך בין נעווען זייער גוט מיט אים. איך האָב אים באדינט מיט וויינען פון מיינע אייגענע וויינקע־לערס. איך האָב געהאט וויינגערטנער און... אָבער פארוואָס פרעגסטו?

יאקאָב: גלאָט אזוי! מן־הסתם ביסטו אָדער נישט געווען אזוי גרויס ווי א דילעמער אָדער ווי א שריי־מאן... דערפאר ביסטו פארבליבן גאנץ שיין אין געטאָ, פון וואנען ס'האָט דיך אהער געבראכט, ס'האָט דיר נישט געהאָלפן דאָס, וואָס דו ביסט געווען וויין־ליפעראנט פון זיין „עקסצעלענץ" האַרטים אָפיציר־קאָרפּ (אלע לאכן) (א פּאָר מאָמענטן שטיל).

סענדער: (פארקלערט) יואלישל איז פּונקט דעמאָלט אלט געוואָרן פינף יאָר, צו לג־בוימער. ער האָט גע־האָט בלויע ליכטיקע אויגן... און רחלע? רחלע איז נישט אפילו צוויי יאָר אלט געווען.

עלי: (צו סענדער) ס'איז גוט וואָס זיי האָבן געלאָזט די קליינע קינדער מיט זייערע מאמעס.

סענדער: (ווי עפּעס א גרויסן סוד) מע זאָגט אז אויב דער מאן ארבעט גוט, קען ער זיך צומאָל זעען מיט ווייב און קינדער. איך וועל ארבעטן... כ'וועל ארבעטן טאָג און נאכט, נאָר איך זאָל זיי קענען זעען.

אהרן: קען מען דען וויסן וואָס איז גלייכער? ארבעטן פאר די גזלנים, אָדער נישט זעען זיך מיט דיינע אייגענע...

לייזער־וואָלף: זיכער זיי נישט זעען. איידער ארבעטן פאר די גזלנים! (פלוצים דערשראָקן) אוי ווי איז מיר!

עלי: איז דען מעגלעך זיך צו זעען מיט די דייניקע?

סענדער: (מיט א האַלב קול) אזוי האָב איך געהערט. קומענדיק אהער בין איך געגאנגען לעבן אן עס־עס זעלנער. איך קען אביסל דייטש, האָב איך זיך פאר אים געקלאָגט אז מען האָט מיך אָפּגעריסן פון ווייב און קינדער, און אים געפרעגט וואָס געשעט מיט זיי? האָט ער מיר געענטפערט: „אויב דו וועסט גוט אר־בעטן, וועסטו זיי זעען אין גיכן... איך ווייס נישט וואָס דאָס באטייט. ס'איז גוט? ס'איז שלעכט? וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן דערמיט? ער האָט אזוי מאָדנע געשמייכלט.

יאקאָב: סארא בעסטיאלישער סיסטעם!

עלי: (צו יאקאָבן) און דו האָסט קיינעם ניט?

יאקאָב: (מיט א שמייכל ווי צו א וויזיע) יאָ, די מאמע. זי איז אוים באהאלטן צווישן פאסטוכער אין די מאַ־ראמורעשער בערג. זי ציטערט זיכער טראכטנדיק צו מיר.. איך אליין, האָב זי נישט דערקענט אין די פּו־יערישע קליידער אין וועלכע מען האָט זי אָנגעטון. (אומרואיק ווי פון א שלעכטן געדאנק) נאָר ווען ס'וואָלטן דאָרט ניט אזוי פיל האַרטי־זשאנדארמען זיך ארומגעדרייט... (ענטפערט זיך בארואיקט). ניין! ניין, זי איז גוט אויסבאהאלטן.

אהרן: און פארוואָס ביזטו נישט מיט איר געבליבן?

יאקאָב: איך בין געגאנגען מיט מיין גרופּע אין די באָר־שער־וועלדער.

אהרן: וויאזוי־זשע קומסטו צו אונדז אין געטאָ?

יאַקאָב: (לאַכט) אין א פרימאָרגן, האָט מיך דער טייוול געשטופּט איך זאָל ארויסקריכן פון מיין באַהאַלטעניש, ווי איך בין געווען מיט אנדערע דרייסיק באַוואָפנטע חברים. איך בין ארויסגעגאַנגען און גיי מיר אזוי אראָפּ אין טאָל, צום טייכל וואַסער איך זאָל זיך אויפרישן. פּלוצים וואַקסן פאַר מיר אויס צוויי זשאַנדאַרן. כ'האָב גלייך געזען אז אַלץ איז אומזיסט. כאָטש אזוי, האָב איך געמאַכט א באַוועגונג גלייך ווי איך וואָלט וועלן אנטלויפן. זיי האָבן געשאָסן. איך האָב געוווּסט אז מיינע חברים זענען דערמיט געוואָרנט. איך בין שטיין געבליבן. די דריי טעג האָט מען מיך געהאַלטן אין ארעסט אין באָרשע. דערנאָך האָט מען מיך געפירט קיין ווישעווע, ווו מען האָט מיך אָפּגעלאָזט א פרייען, צווישן די ווענט פון געטאָ. באַלד דעם צווייטן טאָג האָט מען מיך אוועקגעפירט מיטן ערשטן טראַנספּאָרט. (נאָך א פּויזע, פאַרטראַכט) איך האָב געקעמפט און בין געפאַלן... דער קאַמף אָבער גייט ווייטער און מיר וועלן זיגן, ווייל ס'איז דער ווילן פון מיליאָנען מענטשן.

עלי: און איך... איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין פּערזענלעכער נשמה. בא יעדן געשעעניש. בא יעטווועדער ווענדונג פון מיין לעבן, פלעג איך אין זיך אריינגריבלען, מאַכן „אינטראָספּעקציע"... אויסערדעם האָב איך געשריבן פּאָעמען... איך דערמאָן זיך אין א פּאָעם מיט א גלענצנדיקן לאָקאָמאָטיוו, ווי א שוואַרצער קאַבאַרעט־טענצער מיט לאַנגע שינעס וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין א האָריזאָנט פון טרערן. ער איז געווען באַטיטלט „פאָרן" מיט פיר אויסרופצייכנס און געדאַנקען שטריך... (מיט א ביטערן שמייכל) און ס'איז קיינער נישט געפאָרן... איך בין אין זיך אזוי טיף פאַרקראָכן איך האָב שוין מער קיינעם נישט געזען, אפילו נישט מער געקענט ארויסקריכן פון זיך.

סענדער: און איך, וואָס האָב איך געטון? איך בין געזעסן אויף מיין שוסטער־בענקל, געאַרבעט, געלערנט און זיך געהאַלטן פאַר א מין רבי יוחנן הסנדלר. על התורה וועל העבודה. און נאָך א זאַך, איך האָב ליב געהאַט מיינע פיר ווינקעלעך, די קינדער יואלישל און רחלען לעבן זאָלן זיי מיר עד מאָה־ועשרים — איך האָב ליב געהאַט מיין ווייב רייזל, אשת חיל מי ימצא, כשרע פרוי ווער געפינט דיך? איך האָב דיך געפינען.

עלי: (צו יאַקאָב פאַרטיפט) און איך האָב אויך געליבט, איינע וועלכע האָט מיך געלערנט אז אויסער מיר און מיין פּערזענלעכער נשמה זענען נאָך פאַראַן אנדערע מענטשן אויף דער וועלט. אַסך אנדערע מענטשן... איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט אין געטאָ, זי האָט געוווינט אינאיינעם מיט איר מאַמען אין שכנות מיט אונדז. איך האָב געוואָלט מיט איר חתונה האָבן.

לייזער וואָלף: וויאזוי? אין געטאָ האָט מען חתונה געהאַט?

אהרן: יאָ, מען האָט חתונה געהאַט און געבוירן קינדער. ווי אויף צולהכעיס. דאָס לעבן זאָל גייען ווייטער.

לייזער־וואָלף: גוט אזוי, גוט אזוי דאָס לעבן זאָל ווייטער גיין ווי אויף צולהכעיס. (רעוואָלטירט) אז ברענען זאָלן זיי די גזלנים! מיך האָבן זיי אוועקגענומען פונעם דאָרף ווו מיר האָבן געלעבט פון דור־דורות. א דאָרף מיט יידישע פּויערים.

עלי: (שפּינט ווייטער זיינע דערינערונגען) יאָ, איך האָב זי געליבט... זי אָבער האָט ליב געהאַט אן אנדערן, וועלכער איז אוועק אין וואַלד, זי איז גרייט געווען מיט אים מיטצוגיין, נאָר צו ליב איר מאַמען איז זי צוריקגעבליבן. זי האָט אויף אים געוואַרט. איז געקומען די דעפּאָרטירונג. (צו יאַקאָב מיט פאַרטרויען) איך האָף אָבער מיר וועלן זיך נאָך זען!

אהרן: (ווי צו זיך) לאַנא! אזוי הייסט זי, מיין פרוי, מיר האָבן אויך אין געטאָ חתונה געהאַט.

עלי: און מיין מיידל הייסט מאַרטאַ.

יאַקאָב: (קען נישט באַהאַלטן די אויפרעגונג) מאַרטאַ? (איינגעהאַלטן, גלייך צו אהרן) לאַנא? לאַנא זאָגסטו הייסט דיין פרוי? און וואָס איז געוואָרן מיט לאַנאן?

אהרן: מיר זענען אינאיינעם געגאנגען ביז אהער. דאָ האָט מען אונדז צעשיידט.

יאקאָב: (צו עלי) און מיט מארטא, דאָס מיידל וואָס דו האָסט דערמאָנט, וואָס איז מיט איר געשען?

עלי: זי איז מיט איר מאמען אין איינעם אהער געקו־מען. זי מוז זיין ערגעץ נישט ווייט פון דאנען.

נעמיר: (לויפט ארײן פון זיין קאבינעט) דריי מענטשן דארף איך. זיי זאָלן גיין ברענגען דאָס עסן! גיכער! (כאפט אָן איינעם ביים אקסל) דו! (אָן אנדערן) און דו! (א דריטן) און דו! שנעל אין קיך ארײן מארש! די דריי גייען ארויס, נעמיר וויל זיי נאָכגייען).

4־טער העפטלינג: (צו נעמירן) בלאָק־עלטסטער, מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט פון אונדזערע אייגענע, וועל־כע מ'האָט געהייסן גייען אויף לינקס. ווו זאָלן זיי זיין אצינד? די זקנים, די קינדער?

עמעצער: און די פרויען ווי האָט מען זיי פארשיקט?

נעמיר: איר ווילט וויסן? איר ווילט באמת וויסן?

מערערע קולות: יאָ! מיר ווילן!

נעמיר: צו וואָס טויג עס אייך?

מערערע: מיר ווילן! — מיר ווילן וויסן!

נעמיר: (ווייזט מיטן פינגער דורך די פענסטער) איר זעט דאָרט? א קוימען? און דעם רויך וואָס הייבט זיך? דאָרט זענען די עלטערן און די קינדער אייערע.

מערערע קולות: (ווי אַן אויפרייס) ניין! עס קען נישט זיין! — נישט מעגלעך! (באוועגונג).

סענדער: (קלאָפּט זיך מיט דער פויסט אין הארץ) ניין און ניין און נאָך אמאָל ניין! (מערערע ווילן זיך ווארפן אויף נעמירן).

נעמיר:)שטויסט זיי צוריק) יאָ, איר האָט געוואָלט וויסן. איצט ווייסט איר!)גייט ארויס נאָך די דריי).

יאקאָב: נעמט אייך נישט נאָך אים — איר זעט דאָך אז ער איז א הונט, א ליגנער.

אהרן: אזעלכע זאכן ווען זיי וואָלטן אמת געווען, דער־ציילט מען זיי אויך נישט, איז עס א סימן אז ס'איז א ליגן.)די העפטלינגע בלייבן שטיל פארטראכט א פאָר רגעס) (דערנאָך הערט זיך פון דרויסן בלעכ־

קלינגעריי. ערשטער און צווייטער העפטלינג דערשיי־נען אין דער טיר מיטן קעסל פון וועלכן סיגייט א פאַרע).

1־טער העפטלינג: (שרייט אויס) עסן!

2־טער העפטלינג: (קומט ארײן מיט א שטויס טעלער, שיסלעך, ריינדלעך און אנדערע צוזאמענגעשלעפטע כלים) אָט א מאָדערנער סערוויז. איינס צום צווייטן נישט ענלעך. אַן אמת דאראיסטיש געשיר.

עלי: פון וואַנען קענסטו דאָס וואָרט דאראיסטיש?

3־טער העפטלינג: די זופּ איז אויך אזוי. אסך פארבן און אינעווייניק גאָרנישט.

(אלע דערנעענטערן זיך צום קעסל זופּ).

נעמיר: (קומט ארײן) דעם קעסל דאָ ביי דער טיר! היי, דו אידיאָט, פארוואָס האָסטו נישט פארטיילט די טעלער? און ווו איז דער גרויסער לעפל דער פאלאָ־ניק? (ערשטער העפטלינג דערלאנגט אים דעם טעלער, לעפל און דער דריטער העפטלינג טיילט אויס דאָס געשיר, נעמיר באפעלט ווייטער: שטעלט אייך אויס אין דער ריי מיט די שיסלען אין דער האנט. צום צווייטן העפלינג) און דו צייל. איינער נאָכן אנדערן גייען זיי פאָרביי דעם קעסל, נעמיר טיילט זיי צו די זופּ אין די טעלערס און שיסלען. סיערט זיך דאָס מאָ־נאָטאָנע ציילן) איינס, צוויי, דריי, פיר פינף...״

נעמיר: (נאכדעם ווי ער איז פארטיק געוואָרן מיטן פארטיילן(אָ, וואָס איז, פארוואָס עסט איר נישט? סע שמעקט אייך אפשר נישט?

עמעצער: (קוקט מיט עקל אין דער שיסל) איך בין נישט הונגעריק! ס'איז מיר אוועק דער אפעטיט.

אהרן: דאָס איז ניט קיין עסן... ס'איז א חוזק!

נעמיר: אהא! אויפשטאנד!

סאכער: איך, שטעל זיך נישט אנטקעגן, איך עס אבער איך האָב נישט מיט וואָס, א לעפל!...

נעמיר: א לעפל באדארפסטו? א פיסק האָסטו נישט (גייט אין זיין צימער).

יאקאָב: (צו עלי) עס!

עלי: ס'עקלט מיך.

יאקאָב: עס! ס'איז גוט. (צו אהרן מיט דער האנט אוף איין אקסל) עס! חבר. דאָס לעבן מוז מען דער־האלטן (צו סענדער) ווילסט זיך ווידער טרעפן מיט דיין ווייב און קינדער, מוזטו לעבן! (ער אליין נעמט זיך עסן) אויסעצייכנט! (ענערגיש צו עלי) עס! (צו די איבריקע) עסט מיר מוזן לעבן און מיר ווען לעבן! (סיהערן זיך שווערע טריט אין קאדענץ פון דרויסן).

נעמיר: (קומט אריין און שרייט אויף) אכטונג! אלע בלייבן דערשראָקן, מילער קומט אריין באגלייט פון היינץ (נעמט האַלטונג) הער אָבערשארפירער, מעלדע געהאָרזאם...

מילער: האלטע די שנאוצע, זאו־יוד! איך וועל שוין אליין זעען? (מאכט א פּאָר שפּאַן) איר זענט טראנ־סילוואניער? אלזאָ טראנסילוואניער, יידען! נא, יעצט ווירט עס שוין גוט זיין מיט אייך... (צו יאקאָב) וואָס קוקסטו אזוי?... ווער ביסטו? פארפלוכטער שוויין־הונד! פון ווו האָסטו די אויגן? (דערלאנגט אים מיט דער רייטבייטש, יאקאָב בייסט די ליפּן און האלט צוריק דעם כעס) מערדער! מיר וועלן נאָך רעדן. (מילער גייט מיט פאראדע שפּאַן אין שטוב) אזוי זענט איר אלע הונדע! (צו פריץ און היינץ) וואָס זאגסטו?

פריץ: יאוואָל, הער אָבערשארפירער הונדע?

היינץ: הונדע!

מילער: (בלייבט שטיין ביי עלי) און דו יונגע? עהע, דו געפעלסט מיר (זיין שטים ווערט ווייך, פעמינין) קאָם־הער! קום נעענטער, וואָס דו האָסט מורא? אזוי! (נעמט אים אָן ביים אויער־לעפל) זאָ... א שיי־נער יונגע... זאָ יונגע, יונגע... (פלוצים צו די צוויי זעלנער) גענוג פאר היינט. איך האָב זיי געזען אלע די... (קוקט ארום זיך) פארפלוכטע הונדע... גען וויר ווייטער!

נעמיר: (שרייט) אכטונג! (זיי גייען ארויס) (אלע בלייבן דערבלעכנט א פאר רגעס).

1־טער העפטלינג: (גייט מיד צום בעט) כ'האָב פאר היינט זענען מיר פארטיק. (רוחיקייט. סע ווערט אלץ טונקלער, נעמיר גייט צוריק אין זיין קאבינעט. די

העפטלינגע גייען צו זייערע בעטן. אייניקע לייגן זיך שלאָפן, אייניקע בלייבן אפאטיש זיצנדיק. רויטע פונ־קען לויכטן אריין דורך די פענסטער).

2־טער העפטלינג: (ביים פענסטער אין אויבערשטן בעט) פונקען! מיר דאכט זיך פונקען איך זע...

עלי: (הויבט זיך אויף אין זיין אויבערשטן בעט) איך פיל שווערן ריח ווי פארברענט פלייש. (שרייט) איר פילט נישט?

סענדער: (דערשראָקן) וואָס איז דאָס?

מערעס: (שפּרינגען אויף פון די בעטן) וואָס איז? אוי ווי! וואָס איז געשען?

יאקאָב: (גייט צו דער טיר) רואיק! זייט רואיק! ס'איז גאָרנישט. ס'איז נאכט און ביי נאכט דאכט זיך אלץ איז שווער איבערצוטראָגן. (א טיפע שווערע שטיל־קייט לאָזט זיך אין דער באראקע. פלוצים הערט מען האמערן אין דער האַלצענער וואנט און א בייז קול שרייט: „קרעמא נומער 5, איינטרעטן.. און א שטים פון ווייטער ווי א גרויזאמער עכא ענטפערט „נאכט־שיכט! נאאאכט־ש־י־כ־ט־... (אלע שפּרינגען אויף).

נעמיר: (קומט ארויס און שרייט) אראָפּ פון די בעטן! נאכט־שיכט! נאכט־שיכט! גיך! גיכער! (אלע שפּרינ־גען אראָפּ דערשראָקן און צעמישט פון דער ווייטנס הערט זיך נאָך אמאָל „נאכט־שיכט" און האמערן. זיי גייען ארויס געפאָלגט פון נעמירן, בעת סיפאלט לאנג־זאם דער פאָרהאנג.

פ אָ ר ה א נ ג

דאָס צווייטע בילד

(דערזעלבער אינטעריאָר ווי אין דער אוישוויצער באראַקע ווי אין ערשטן בילד. ס'איז אין דער פרי. ביים עפענען דעם פאָרהאנג איז די סצענע עטלעכע רגעס ליידיק פון דרויסן. פון דער ווייט, הערט מען געשרייען און קורצע קאָמאנדע־רופן, פראגמענטן פון דייטשע באפעלן „לאָז! אפטרעטן!" אינצווישן, שריט דערנעענטערן זיך און סיקומען אריין מידע, צעבראָכענע, אָנגעשפארט איינער אין צווייטן די העפטלינגען: יאקאָב, עלי, אהרן, לייזער־וואָלף און די איבעריקע. ארום די אויגן האָבן זיי טונקלע רינגען. אויפן פנים די טיפסטע דערשלאָגנקייט. אלע ווענדן זיך מיט בלייערנע שריט צו די פריטשן. עלי אויפן אונטערשטן בעט, יאקאָב מיטן פנים אין די הענט. לעבן אים טיפע שטילקייט).

עלי: הייסט עס, דאָס איז געווען די ספּעציפישע ארבעט? האָב איך געקענט טון אזא זאך... מיט די הענט מיינע? מיט די דאָזיקע הענט (אימפּרעסיאָנירט) נ־א־כ־ט־ש־י־כ־ט! נאכט־ש־יייי־כט!

יאקאָב: פארליר זיך נישט, עלי.

עלי: הייסט עס, דאָס איז געווען די ספּעציפישע ארבעט? צוליב דעם די ספּעציעלע באהאנדלונג. „זאָנדער־קאָמאנדאָ!" יאקאָב ס'איז שרעקלעך! נישט צום איבערטראָגן.

סענדער: זאָלסט אריינשטויסן מיט יענע לאנגע אייזנדראנגען פארגאזטע מענטשן אין דעם טייוולישן מויל פון אויוון, כדי זיי צו פארוואנדלען אין אש. דו

זאָלסט מיט דיינע אייגענע הענט, פארגאזטע קינדער און זקנים פארברענען.

עלי: און א יעדער נאכט די זעלבע ארבעט טון? ניין ס'איז נישט מער שרעקלעך, ס'איז א גהנום.

סענדער: יאָ, א גהנום.

סאכער: און איך... איך האָב אויך געמוזט אהער דערגייען! איך סאכער...

לייזער־וואָלף: מיר ווי מיר. מיר האָבן כאָטש געהאט אויך בעסערע צייטן, מיר די עלטערע מיין איך. אָבער זיי! די יונגע מיידלעך און יינגלעך, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן, גייען זיי שוין אריין אין טויטן־לאגער.

יאקאָב: מיר האָבן געלעבט זאָגט איר? איצט ווייזט זיך אונדז דאָס פריערדיקע לעבן, שיין אוים. אָבער וואָס פארא לעבן האָבן מיר געהאט? א לעבן פון צוואנגסארבעט פאר אנדערע דאָס לעבן וואָס האָט אונדז אהער געבראכט.

1־טער העפטלינג: אָבער וואָס האָבן מיר געקענט טון?

יאקאָב: איך פרעג זיך וואָס מיר האָבן געטון? אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך עס. נאָר וואָס מיר וועלן טון פון איצט ווייטער.

2־טער העפטלינג: וואָס קענען מיר... פון דאנען... דאָ?

יאקאָב: מיר וועלן זעען. (פארטראכט) יעדער פון אונדז איז א ריידעלע פון א מעכאניזם.

סאכער: (קומט אראָפּ פון זיין בעט) וואָסערע שיינע רייד. אָבער איך וויל זיך ראטעווען. איך וואָלט נעגעבן סיי וויפיל.

לייזער־וואָלף: איך זאָג אז אויך מיר דארפן עפּעס טון? אָבער וואָס?

עלי: (צו יאקאָב) פרעג איך זיך אויך, וואָס האָב איך געטון? ווען איך קוק צוריק. א לעבן פון נישט דערפולטע חלומות, פון זינלאָזע האָפנונגען פון אומקלאָרע ווונטשן, וועלכע האָבן זיך געוויגט אין דער לופט, ווי פון ווינט פארטראָגענע זאָמען. (נאָך א פויזע) דו ווער ביסטו? וואָס האָסטו געטון?

יאקאב: איך? אויך כמעט גארנישט. און... דאך... געקעמפט... אבער אפילו מיר, דא, מיר זענען נישט אינגאנצן פארניכטעט.

עלי: וואלט מען אונדז געווען כאטש באצייטנס געווארנט.

2־טער העפטלינג: וואלטן מיר אוועק אין די בערג.

3־טער העפטלינג: וואלטן מיר זיך געווען פארטיידיקט מיט די נעגל!

אהרן: מען האט אונדז נישט געווארנט, זאגסטו, אבער איז דען עמעצער צווישן אונדז וואס האט זיך נישט פארשלאסן אין זיין שטוב, פארהאמעוועט מיט אלע ריגלען מיט אראפגעלאזטע לאדנס און האט אויסגעהערט אויסלענדישע ראדיא־זענדונגען, און עס איז דאך געווען שטרענג פארזאגט. וואס פארא מוטיקע טאט! אבער דענצמאל האבן מיר געגלויבט אז מען מיינט עסטרייכישע און פוילישע יידן... און טשעכישע, איבערהויפט די אין סלאוואקיי... אבער נישט אונדז טראנסילוואניער יידן, באזונדערס די פון מאראמורעש, לעכערלעך! וואס זאלן זיי זוכן אין אונדזער אָרעמען מאראמורעש? דאס אָרעמקייט? ווער דארף זי? מיר האבן געמיינט אז אהער וועט דער פאשיזם נישט קומען... ס'איז באקוועמער געווען אזוי צו גלייבן.

יאקאב: (איראָניש, ביטער) און אפילו ווען עס איז דערצו געקומען, האט יעדער זעך געפרעגט צי עס גייט טאקע ביז צום מעסער, ביז צו מארד... אסך, האבן ווייטער געפירט זייערע געשעפטן. עטלעכע אפילו מיטן פאשיזם. (סאכער ציט זיך צוריק צו זיין בעט) און דערנאך, ווען עס איז געקומען דערצו מיר זאלן זיך זעען וואס ער איז אין דער אמתן, האבן מיר אלץ צו אונדז געזאגט אז אפשר וועט ער נישט קומען דווקא אין מיין שטעטל אריין און אויב ער וועט יא קומען איז, אפשר נישט דווקא אויף מיין גאס, אין מיין הויז צו מיר...

סענדער: איך אליין האב געהערט ראדיא־לאנדאן ביי א שכן מיינעם פארקאש נאך מעריב, פלעג איך זיך צו אים אריינגנבענען און אויסהערן מיט פארמאכטע

טירן און פארגעצויגענע פארהענגלעך. זיי האבן אלץ געזאגט אז די נאצים באגייען זיך שלעכט מיט די יידן: אז אין וויען טארן די יידן נישט ארויסגייען אויף דער גאס נאך ניין אזייגער אז זיי טארן נישט פארן מיטן טראמוויי, אז עלעגאנטע דאמען שטעלט מען קערן די גאסן.

אהרן: גלייך ווי דאס וואלט געווען, די פראבלעמען, אבער פון אוישוויץ האט קיינער נישט געהערט, האט קיינער נישט דערמאנט!

1־טער העפטלינג: און וואס האבן מיר דערפון אויב מען רעדט איצט אזויפיל? וואס העלפט אונדז?

יאקאב: ראדיא־לאנדאן האט איר געהערט! ראדיא לאנדאן: וואס פארא אינטערעס האט געהאט ראדיא־לאנדאן צו רעדן וועגן איושוויץ! די דזשענטלמענס האבן אפשר באדויערט אז עלעגאנטע דאמען פון וויען ווערן געשטעלט קערן די גאסן. אבער צו וואס האבן זיי געזאלט באומרואיקן די וועלט, וועגן עטלעכע הונדערט טויזנט יידן פון דער מאסע און אפילו וועגן עטלעכע באלקאנישע פעלקער? ווען די דייטשן זענען דאך אזוי פארנונפטיק פארגעגאנגען אויף מזרח און זיי האבן זיך געוויזן גרייט צו פארגעסן די פרעטענציעס אויף איניקע ענגלישע קאלאניעס. און אין אמתן: פארוואס זאלן זיך אויפרעגן די דזשענטלמענס? זיי קאנען זיך נאר אויפרעגן ווען זייערע אינטערעסן זענען און געפאר. זייער אימפעריע! אבער איך ברידער האב געהערט ראדיא מאסקווע ווו ס'איז גערעדט געווארן פון פאשיזם און פון לאגערס. און איך האב געהערט פון גערמאנישן מיליטאריזם און אימפעריאליזם, וועלכער מיידט קיינעם און גארנישט אוים: וועלכנס מערדערישן מארש עס קאן נאר איין לאנד אויפהאלטן — דאס לאנד פון סאציאליזם, דאס לאנד וואס וועט אים באזיגן... וויפיל מאל ער זאל זיך נישט באווייזן און וואס פארא מאסקע ער זאל זיך נישט אנטון. איך האב אויסגעהערט און געגלויבט און דער פאר בין איך אוועק אין די בערג מיטן געווער.

עלי: (וואַרפט זיך אויף אים) האָסט געגלויבט זאָגסטו? האָסט געגלויבט און אַט ביזטו דאָ. איצט גלויבסטו נאָך? פאַרן אויוון, גלויבסטו אַלץ נאָך אין אונדזער באַפרייונג? אין דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט?

יאַקאָב: יאָ, איך גלייב. מיר וועלן זיך פאַרקלעמען מיט אונדזערע נעגל אינעם לעבן און מיר וועלן נישט שטאַרבן ווי די מייז אינעם כאַפּשטייגל פון די אויסוואָרפן. און אויב מיר וועלן אַפילו שטאַרבן, וועלן נאָך אַלץ גענוג מענטשן איבערבלייבן, וועלכע וועלן דערציילן דער וועלט, די מאַסן, די פּשוטע מענטשן וווהין מען איז דערגאַנגען און פאַרוואָס מען איז אַהער פאַרגאַנגען. אָבער איך גלויב אַז טאַקע מיר אַליין וועלן דאָס אַלץ דערציילן. (עס קומט אַריין נעמיר).

עלי: (לאָזט זיך צו אים) ווי לאַנג וועט נאָך דויערן אונדזער פּלאָג?

1־טער העפטלינג: ווען וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן?

מערערע שטימען: וויפיל נאָך? וויפיל וועט אונדזער לײַדן געדויערן?

נעמיר: איך קען אייך פּינקטלעך זאָגן: דריי חדשים, פון נעכטן גערעכנט.

1־טער העפטלינג: און דערנאָך?

נעמיר: דערנאָך וועלן קומען אַנדערע קאַנאַדיערן, אויף אונדזער אָרט.

2־טער העפטלינג: און ווייטער?

נעמיר: וועלן מיר שוין זיין אַריינגעוואָרפן אַהין, וווּ מיר וואַרפן אַריין איצט אַנדערע. (די מענטשן בלייבן פאַרמישטע) וואָס, צום טייוול, פאַרשטייט איז אַזוי שווער? פון דאַנען קומט שוין קיינער נישט אַרויס. אַז ער זאָל נישט קאָנען דערציילן דער וועלט.

סאַכער: גאָט מיינער! איך וועל נישט דערציילן. איך זאָל זיך נאָר ראַטעווען.

יאַקאָב: (צו נעמיר אויפגערעגט) און ווי אַזוי זענט איר דאָ? איר פון אַן עלטערער סעריע?

נעמיר: איך?! איך האָב באַקומען אַ פאַרלענגערונג... אַ דאַנק דעם אָבערשאַרפירער. (ציט שווער די ווערטער) ער גלעט פון צייט צו צייט מיינע אויערן, עס מאַכט אים אַ סעקסועל פאַרגניגן... פאַרשטייסט דו? (צו עלי) ס'איז מעגלעך דו זאָלסט בלייבן אויף מיין אָרט, דו האָסט אויסזיכטן...

עלי: (מיט עקל און רעוואָלטירט) וואָס פּלאַפּלסטו דאָרט?

יאַקאָב: (שרייט) שווייג!

נעמיר: וואָס שרייסטו? ווייל איך דערצייל דיר נישט קיין אַנגענעמע זאַכן, זיסע ווערטער?

יאַקאָב: גענוג שווייג! אויסוואורף! (וואַרפט זיך צו אים).

עלי: (שרייט) אויסוואורף! (ער און אַנדערע וואַרפן זיך צו אים).

סענדער: (וויל זיי צעטיילן) וואָס פאַרא זין האָט עס?

אַהרן: וואָס צום טייוול. (אויפן געשלעג קומט אַריין איוואַשאַ, בלייבט שטיין עטלעכע רגעס אויף דער שוועל. ער איז אָנגעטון אויך אין העפטלינג קליידער, נאָר טראָגט אויף דער לינקער זייט פון רעקל אַ רויטן דרייעק מיט דער אויפשריפט „אָסטלאַנד" — דער צייכן פון די פּאָליטישע געפאַנגענע פון סאָוועטישן מזרח).

איוואַשאַ: וואָס איז מיט אייך, היי, ברידער? איר האָט שוין נישט אויף וואָס אייערע כחות אויסצונוצן? (אַלע בלייבן שטיין און קוקן פאַרוווּנדערט צום נאָר וואָס אַנגעקומענעם).

נעמיר: דו איוואַשאַ?

איוואַשאַ: (נעמט אים אַרום) נעמיר? דו לעבסט נאָך! וואָס טוסטו?

נעמיר: (מיט יאוש) פרעג די דאָזיקע מענטשן, זיי וועלן דיר זאָגן, איך בין אַן אויסוואורף.

איוואַשאַ: (קוקט זיך אַרום) אַלץ נייע פּנימער! (צו נעמיר) דאָס מאָל וועט עס זיין די לעצטע סעריע.

נעמיר: איך גלייב נישט אין וווּנדער.

איוואַשאַ: פּונקט דו, וואָס ביסט דאָ ווי אַ לעבעדיק ווונדער!? (נאָך אַ פויזע קוקנדיק אַרום זיך, צו נע־

מיר) שטיי דו ביי דער טיר (קוקט אויפמערקזאם אויף די מענטשן. דערנאָך שטיל) איך האָב עפּעס פּאַסט ביי מיר. (נעמט ארויס א ליסטע מיט צוויי בריוו פֿור־נעם בוזעם).

מערערע: (דערשטוינט) פּאַסט? — פון וועמען? פאר וועמען?

יאקאָב:)אין א זייט שעפּטשעט צו אהרן) איז ער נישט א פּראָוואָקאטאָר? אָדער... וואָס זאָל דאָס הייסן?

אהרן: דו זעסט נישט? ער איז א חבר מיט נעמירן.

יאקאָב: כאָטש אזוי, לאָמיר זעען.

1־טער העפּטלינג: (שרייענדיק צו איוואשא) פאר הערש זאַנענפעלד איז עפּעס דאָ?

2־טער העפּטלינג: פון חנה באראש פאר איר מאַן יוליוס איז וואָס פאראַן?

איוואשא: פּססססט... סססט! שטילער!

3־טער העפּטלינג: (קוויטשעט) שטילער!

4־טער העפּטלינג: (שרייט אויך) רואיק! זאָל זיין שטיל!

איוואשא: (לייענט פון א צעקנייטשט פּאַפּירל) ראָזשי בערקאָוויטש זוכט יוסף מארטאָן... יאָסיף מארטאָן איז דאָ?

מערערע: ניין! — אומבאקאנט!

4־טער העפּטלינג: פון ראָזע קאַץ פאר עזרא קאַץ איז דאָ?

3־טער העפּטלינג: פון ווי ברענגט איר פּאַסט?

איוואשא: איך בין פארביי געגאַנגען נעבן פלויט פֿור־נעם פרויען־לאגער „צעי" איך האָב גערעדט מיט עט־לעכע פרויען און מיידלעך נאָר וואָס אין לאגער גע־בראכטע. (לייענט פון צעטל) אסתר וואָלענשטיין זוכט איר מאַן אנטאָן?

נעמיר: ער איז געווען צווישן יענע קאנאדיערן, וואָס האָבן נעכטן פארענדיקט זייער קאריערע.

איוואשא: שארי בראון, זוכט טירמאַן איגנאציוס.

נעמיר: א, ער איז שוין זייט פיר טעג רויק.

איוואשא: לייזער־וואָלף הערשטיק האָט א בריוו פון

זיין ווייב און זיינע קינדער (יאקאָב און אהרן ווערן אויפמערקזאם).

לייזער־וואָלף: (ווי א ווילדער) איך, איך בין דאָס! (וואַרפט זיך און פארפלאָנטעט זיך) אָבער איך קען נישט לייענען. לייענט מיר... לייענט מיר...

(פרייט זיך מיטן בריוו).

יאקאָב: (נעמט דעם בריוו) איך לייען אים דיר. ער איז געשריבן פון א קינד. האָסט א קינד — שושנה׳לע?

לייזער־וואָלף: (ווילד גליקלעך) יאָ, שושנה׳לע!

יאקאָב: קוק, זי זאָגט אזוי: „איך שושנה׳לע שרייב דיר טאטע אין די אויגן פון דער מאמען און בנימין. לייזער־וואָלף חזרט איבער מא־א־מען און בע־יאָ־מען!..." מיר זענען געזונט און מיר ווינטשן דיר אויך דו זאָלסט זיין געזונט. שרייב אונדז ווי דו ביסט. מיר קושן דיך טאטעניו ליבער. שושנה׳לע".

לייזער־וואָלף: (חזרט איבער) שושנה׳לע! שרייבט זי טאקע דאָרט אזוי „טאטעניו ליבער?" ווייז מיר וווּ עס שטייט געשריבן „טאטעניו ליבער" (יאקאָב ווייזט אים וווּ עס שטייט געשריבן און לייזער־וואָלף זוכט מיטן פינגער דאָרט עפּעס) לייענט נאָכאמאָל. איך בעט דיך!

יאקאָב: (לייענט, שעפּטשענדיק, דערנאָך) ווייסט נישט אויב עס איז אין אמתן זייער שריפט?

איוואשא: (רופט ווייטער) אסתר פייערשטיין, זוכט איר ברודער מרדכי.

נעמיר: נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

לייזער־וואָלף: (מיטן בריוו אין דער האנט) ער איז פון זיי... איך קען נישט לייענען אָבער איך פיל אז זיי האָבן אים געשריבן. (צו איוואשא) ביסט א לאמער־וואָוניק.

אהרן: (צו לייזער־וואָלף) זאָגסט דער בריוו איז פון זיי?

לייזער־וואָלף: (ווו גאָרנישט געהערט) איך וויל זיי שרייבן, אָבער איך קען נישט שרייבן. זאָג זיי אלץ. קוק זיך צו מיר גוט צו. זאָלסט מיך גוט געדענקען. זאָג זיי אז דו האָסט מיך געזען.

איוואשא: איך וועל זיי זאָגן.

לייזער־וואָלף: און מיר דערצייל איצט: האָסט זיי געזען? מיט דיינע אייגענע אויגן? מיט אָט די אויגן?

סאכער: (ברוגז) האלט אים נישט אזוי לאנג אויף! איך וויל אויך רעדן.

איוואשא: (צו לייזער־וואָלף) איך האָב זיי געזען זיי זענען געזונט. (רופט אויס ווייטער) מארטא סאמבערג זוכט יאקאָב אלטמאַן...

עלי: (איבעראשט מיט ווייטיק) מארטא סאמבערג? פאר יאקאָב אלטמאַן? פאר ראָזמאַן עלי איז נישט פאַראַן גאָרנישט? ווער איז יאקאָב אלטמאַן?

יאקאָב: (שטיל) איך! (קוקן זיךביידע אָן, עטלעכע רגעס, טיפע שטילקייט)

איוואשא: וואָס זענט איר אזוי שטיל געבליבן? אָט א בריוו.

יאקאָב: (לייענט גיך איבער. צו אהרן) יאָ! ס'איז איר שריפט (קוקט צו איוואשא און נעמיר. נאָך א פויזע) זאָלס איר זאָגן אז איך בין געזונט. (קוקנדיק אויף עלי) אז מיר זענען געזונט...

איוואשא: מיר זענען?

יאקאָב: יאָ! איך און מיינע חברים... און עלי... זאָלסט איר נישט זאָגן ווי מיר זענען... אָבער קענסט איר זאָגן... האָסט נישט אפשר א בליי און א שטיקעלע פאפיר איך זאָל... מיר זאָלן איר שרייבן. אפשר ווילן אויך אנדערע איר שרייבן?...

איוואשא: (צום עולם) איך האָב פארענדיקט. איך האָב שוין גאָרנישט (מאכט א צוויי שפאַן צום ארויסגאַנג).

אהרן: (מיט אביסל אומצוטרוי) וויאזוי האָסטו געקענט אהער קומען? וויאזוי קענסטו זיך פריי באוועגן?

איוואשא: (מיט א לייכטן שמייכל. לעגט אים די האנט אויפן אקסל) וועסט זיך שוין דערוויסן. (צו יאקאָב) מיט דיר דארף איך עפעס רעדן. (נאָך א פויזע) א בליי און פאפיר האָסטו געוואָלט? איך וועל נעמען ביי היינריך דעם שפרענגמייסטער.

2־טער העפטלינג: פארצייכנט איך אז איך יוליו באראש זוך מיין פרוי חנה'לע.

3־טער העפטלינג: איך בערל שטיין, זוך מיינע קינדער, איציקל און שרה'לע.

אהרן: איך אהרן קאָסלאָווער פרעג נאָך מיין פרוי לאנא און איך זאָג איר אז כ'בין געזונט און אז מיר וועלן זיך באפרייען. זי וועט אויך פריי ווערן. זי זאָל האָפן.

יאקאָב: מיר וועלן פריי ווערן. מיר מוזן.

סענדער: איך סענדער אייבעשויץ, לאָז זאָגן רייזעלען און יואָלעשלען און רחלען אז איך בין געזונט און כ'האָב בטחון אין השם יתברך.. (וויינט, דערכאפט זיך) אָבער וויאזוי זאָל איך האָפן אין זיין רחמים אז ער אליין האָט אונדז אהער געבראכט? ניין! ניין, איך האָף שוין נישט אז מיר וועלן פון דאנען ארויס קומען.

1־טער העפטלינג: פון דאנען קומט קיינער שוין מער ארויס.

4־טער העפטלינג: עס האָט דאָס דער בלאָקעלטסטער אליין געזאָגט. ניין, ניין איך גלויב נישט מער.

איוואשא: איר גלויבט נישט מער? (בסוד) און אויב איך וועל אייך זאָגן (מאכט זיי אלע א צייכן זיי זאָלן נאָענטער קומען) און אויב איך וועל אייך זאָגן אז די סאָוועטישע ארמיי האָט זיך געלאָזט אין מארש אָן אָפשטעל פון סטאלינגראד און האָט דערגרייכט די מאראמורעשער קארפאטן (אלע קוקן זיך גליקלעך אָן, צוריקגעהאלטענע פרייד)

אהרן: די רויטע ארמיי...

יאקאָב: רעדט, ברודער! רעדט!

איוואשא: און אויב איך וועל אייך זאָגן אז מען גרייט צו א גרויסע אָפענסיווע אויף אלע פראָנט־ליניעס פון דער פאשיסטישער ארמיי; אז די דייטשן ווייסן מער נישט וווהין פריער צו שיקן זייערע פארשטארקונגען... אז זיי ציען זיך צוריק אין א אומאָרדענונג און אויב איך וועל אייך זאָגן...

סאכער: און די ענגלענדער, די אמעריקאנער?

איוואשא: (איראָניש) זיי האלטן נאָך אין איין צוזאָגן דעם צווייטן פראָנט.

נעמיר: ווי עס זאָל נישט זיין, פאר אונדז איז עס צו שפעט, היטלער האָט דאָך געזאָגט אז אין די לעצטע

פינף מינוט וועט ער נאָך אַלץ צייט האָבן אונדז אַלעמען צו פאַרניכטן. מיר זענען אין זיינע הענט.

ליידער־וואָלף: עס קען זיך מאַכן אַז די לעצטע פינף מינוט זאָלן נישט זיין זייערע.

יאַקאָב: (צו איוואַשאַן שעפּטשענדיק) האָסט געזאָגט אַז דו דאַרפסט מיט מיר רעדן?

איוואַשאַ: יאָ, (זאָגט אים עפּעס שעפּשענדיק)

סאַכער: איר פאַרזאָרגט דעם גורל פון דער גאַנצער וועלט, איר סוידעט זיך און איך ווייס נישט איבער וואָס. איך וויל ארויס פון דאַנען!

עלי: (ווי צו זיך) און איך וואָס איך האָב נאָך אַזויפיל צו שרייבן... ערשט פון איצט אָן...

איוואַשאַ: (נאָכדעם וואָס ער האָט געענדיקט מיט יאַקאָוון) כ'האָב זיך שוין צופיל געזאַמט. איך מוז אויך אין די אַנדערע באַראַקן גייען. איר זענט נאָר אַ טייל פון אוישוויץ.

יאַקאָב: און אוישוויץ אַליין איז נאָר אַ טייל פונעם פאַשיזם. זאָלן מיר זיין אַ טייל פונעם קאַמף קעגן אים, וועלן מיר זיין אויך אַ טייל פונעם זיג.

איוואַשאַ: אויך צוליב דעם בין איך געקומען. דער זיג איז נאָענט... אָבער איך בין שוין צו לאַנג געבליבן. דער אַלטער שפּרענגמייסטער היינריך וועט שוין האָבן פאַרלוירן דעם געדולד שטייענדיק אויף דער וואַך.

נעמיר: (איבעראַשט) וויאַזוי דער אַלטער היינריך איז דאָ? (לויפט ארויס)

עלי: היינריך? אַ דייטש? כ'האָב נישט קיין צוטרוי!

סענדער: אַ דייטש?

איוואַשאַ: ער שטעלט איין זיין לעבן. און חוץ דעם ס'איז היינריך און נישט אַן עס־עס! זיין איינציגער זון וואָלט אים אויסגעגעבן אויב ער וואָלט געוווסט. עס עקזיסטירן היינריכ'ס און יאָהאַנס און ס'עקזיסטירן קרופּס און שטינעס.

אהרן: און שריימענס און יעקלמאַנס

3־טער העפּט.: דורך זיי לײַדן מיר

יאַקאָב: נישט נאָר מיר, יידן.

היינריך: (קומט אריין איילענדיק. ער איז אין ציווילארבעטקליידער מיט אַן אָפּגעריבענער לעדער טאַשקע אונטערן אָרעם. ער רעדט צו איוואַשאַ) וואָס זאַמסטו זיך אַזוי לאַנג? דו ווייסט דאָך אַז מיר מוזן אריינגייען אין לאַגער־בוי באַראַק! דו ווייסט דאָך אויף וואָס דו קאָנסט זיך רעכטן אויב מען באַגעגנט דיך דאָ!

איוואַשאַ: און איך ברענג דיך אויך אין געפאַר. קום, גוטע נאַכט פריינט.

היינריך: אויף ווידערזען קינדער.

מערערע שטימען: אויף ווידערזען — גייט געזונטערהייט.

היינריך: (נעמט ארויס פון דער לעדער טאַש אַ גרויסן שאַכטל קאָנזערוון, און דערלאַנגט עס) נעמט קינדער! (די מענטשן נעמען עס צו)

איוואַשאַ: (שוין ביי דער טיר, האַלב ערנסט, האַלב חכמענענדיק) אָבער וואָס טוסטו מענטש! גיבסט אַוועק דיין ראַציע פלייש אויף פיר וואָכן?

היינריך: מאַכט נישט אויס. איך באַקום אַ צווייטע. איך בין דאָך פריי, אין דער צייט ווען די...

איוואַשאַ: איך קען שוין דיין פרייהייט און דיינע ראַציעס. (זיי גייען ארויס)

עלי: ס'איז שיין וואָס היינריך טוט, אָבער פאַרוואָס האָט זיין גאַנץ פאָלק נעשוויגן? פאַרוואָס שווייגט עס?

יאַקאָב: פאַרוואָס האָבן מיר געשוויגן? פאַרוואָס שווייגן מיר? פאַרוואָס שטייען מיר? אָבער מיר שווייגן דען? שטייען מיר דען? פון זיין פאָלק שטייען אויך נישט אַלע, אַפילו אַז מען הערט נישט. אויסער דעם איז ער דען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַנדערע?

ליידער־וואָלף: וואָס הייסט? אַ יעדער מענטש פאַראַנטפערט פאַרן צווייטן.

יאַקאָב: האָסט רעכט! יאָ, יעדער מענטש איז פאַרן צווייטן פאַראַנטוואָרטלעך.

נעמיר: (צו יאַקאָב געשעפּטשעט) איך וויל זיין נוצלעך. איך קען זיין נוצלעך. קוק נישט וויאַזוי איך רעד, וויאַזוי איך פיר זיך. איך איז לייכטער, איר האָט נאָך

אסך יאָרן געגעסן ביי אייערע טישן, זענט נאָך אסך יאָרן געשלאָפן אין אייערע בעטן, ווען איך אין פוילן בין שוין לאנג געווען געפייניקט, געשלעפּט פון איין לאגער אין אנדערן, ביז פאר דריי חדשים, ווען מען האָט מיך פאר א קאנאדיער אהער געבראכט. ווייאזוי קאָנט איר פון מיר פארלאנגען איך זאָל פילן און אייך זאָגן: „לאָז נאָר ווערסטו אין גיכן זען דיין פרוי און דיינע קינדער” — ווע איך וועל מיינע קינדער שוין קיינמאָל נישט זען... היינט דריי יאָר האָט מען זיי, פאר מיינע אויגן, אין לאָדזשער געטאָ געשאָסן. (שטילקייט, די מענטשן זענען טיף גערירט)

יאַקאָב: (שווייגט א ווילע — מיט מיטלייד) הייסט עס, אזוי איז עס מיט דיר (פויזע) אָבער ווער איז ער, איוואשא? קענסט אים שוין פון לאנג?

נעמיר: ווער איז איוואשא? — פון בריאנסקער וואלד האָסטו געהערט? יעדער בוים איז דאָרט א פּארטיזאַנער אָדער א באזע, אונטער וועלכע עס לויערט א פּארטיזאן אזוי ווי זיין גאנץ לאנד איז א ריזיקער וואלד פון קעמפער קעגן דער פאשיסטישער חיה. ער קומט פון דאָרט. איך האָב זיך מיט אים באקענט אין אן אנדערן לאגער אין פוילן. (די מענטשן קומען נענטער) איוואשא איז א קאָמסאָמאָליסט. מען האָט אים געכאפּט בשעת אן אקציע און ער האָט פארשטאנען אזוי גוט זיך ארויסצודרייען אז מען האָט אים געגלייבט און אים ארייגעשטעלט ווי א פּאָליטישן געפאנגענעם ערגעץ דאָ נישט ווייט צו לאנער־בוי. דאָס הייסט צו דער גרופּע העפטלינגען וואָס ארבעטן ביים אויסגלייכן דעם באָדן. ער העלפט דעם שפּרענגמייסטער היינריך. זיין ארבעט באשטייט אין אויפרייסן די פעלדזן־שטיינער. ווי מען דאַרף אויפשטעלן נייע באראקן... (קוקט זיך פאָרזיכטיק אום. דערזעט סאַכערן און שיקט אים אין זיין קאַבינע ער זאָל אים ארויסברענגען זיין העפטלינג־מיצל, דערנאָך זאָגט ער ווייטער) ער האָט צו טון מיט דינאמיט.

יאַקאָב: (מיט פרייד) יאָ? מיט דינאמיט?

נעמיר: יאָ!

יאַקאָב: אזוי אז... (צו אהרן און די אנדערע) קומט אהער (שעפּטשעט זיי עפּעס)

עלי: זאָלן מיר אים גלויבן?

יאַקאָב: אָן צוטרוי קען מען זיך נישט לאָזן אין וועג ארייַן.

לייזער־וואָלף: (צו נעמיר) קיין סך ווייס איך נישט. נאָר אויב דו האָסט א ביטערע געדאנק, — זיי וויסן: האָב איך נישט קיין האַק, וועל איך דיך מיט די ציין צערייסן, אויב נישט זאָל מיין נאָמען נישט זיין לייזער־וואָלף (און נאָך א פויזע) איך גלויב אָבער אז דו ביסט ביטערע מיטן שונא — אונדז לטובה.

יאַקאָב: איר זעט חברים: יעדער ברענגט זיין געווער. (אויף נעמיר) ער, זיין ביטערקייט. נאָך א סיבה צוטרוי צו האָבן.

לייזער־וואָלף: נאָכן זיג וועלן מיר זען וואָס פאַרא נשמה יעדער האָט געהאט און מיט וואָס פאַרא נשמה ער איז געבליבן.

אהרן: און דעמלט וועט זיך ערשט אָנהויבן די מלחמה קעגן יענע וואָס האָבן פאַראַטן...

יאַקאָב: ניין! מיר וועלן זיך נישט לאָזן פארניכטן ווי פליגן. מיר וועלן עפּעס טון און מיר קענען טון! קומט נאָענטער. אזוי. (אהרן, סענדער, עלי, לייזער־וואָלף קומען נאָענט ארום אים און נעמיר)

סאַכער: (איז אין צווישן צוריקגעקומען) וואָס סודעט איר זיך דאָרט? (ער קומט נעענטער מע קוקס צו אים שטרענג. ער ציט זיך צוריק צו זיין בעט).

יאַקאָב: הייסט עס. (שעפּטשעט)

עלי: איך יאקאָב... אָן קיין שום באדינגונגען, אָן קיין אנדער באגער, נאָר קאַמף און זיג.

יאַקאָב: (נעמט אים ארויס, צו אלע) איוואשא האָט מיר געזאָגט...

אהרן: זאָג יאקאָב!

1־טער העפטלינג: מע הערט טריט.

נעמיר: (לויפט צו דער טיר. שרייט. שטעלט זיך אין פּאָזיציע) אכ־טונג! (צו די מענטשן) זאו־הונדע! מערדער!...

מ ע ר ע ר ע: (איבערראשט) וואָס? וואָס איז דאָס? (ליי־
זער־וואָלף הייבט אויף צו אים דעם פויסט מיט כעס).

נ ע מ י ר: (הערט זיך אונטער ביי דער טיר, קוקט ארויס)
ס'איז קיינער, קיינער נישט. (בלייבט) איך היט די טיר
(די שפאַנונג לאָזט נאָך) רעדט חברים!

י א ק אָ ב: (מיט גרופּ ארום זיך, באגייסטערט, אָבער מיט
צוריקגעהאלטענעם טאָן) עס איז פאראן א האָפנונג,
איוואשא... האָט מיר געזאָגט...

פ אָ ר ה א נ ג

דאס דריטע בילד

(דערזעלבער דעקאָר ווי אין די פריערדיקע בילדער. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף, איז די בינע ליידיק, די בעטן געדעקט נאָר סאכער ליגט אין זיין בעט, — פונעם צווייטן פלאָן — אויפן אויבערשטן געלעגער).

נ ע מ י ר: (קומט אריין פון זיין חדרל) וואָס איז מיט דיר
שלימזל? וואָס גלאָנצסטו אזוי מיט די אויגן.

ס א כ ע ר: איך פיל זיך נישט געזונט, הער בלאָקעלטס־
טער. איך בין קראנק. איך וואָלט געבעטן כאָטש א
צוויי דריי טעג „שאנונג"... ס'זאָל מיך זען דער
דאָקטאָר.

נ ע מ י ר: ס'זאָל דיר נאָר נישט באנק טון! (וויל ארויס
גייען)

ס א כ ע ר: (שפּרינגט אויף אין בעט דערשראָקן) הער
בלאָקעלטסטער... איך זייט דאָך גוט מיטן אָבערשאר־
פירער... איך בעט אייך הער נעמיר... רעדט מיט אים.

נ ע מ י ר: (שארף) וואָס זאָל איך רעדן?

ס א כ ע ר: (מאכט אים א צייכן, ער זאָל זיך דערנענטערן)
קומט נעענטער איך בעט אייך (נעמיר דערנעענטערט
זיך) איך זע אז ער קומט ניט מער אהער. רעדט איר
מיט אים. איך האָב א פלאן, א גוטן פלאן.

נ ע מ י ר: (גלייכגילטיק) וואָס פארא פלאן?

ס א כ ע ר: איך וויל אז ער זאָל מיך ארויסנעמען פון
דאנען.

נ ע מ י ר: וואָ־אָ־אָ־ס? ביסט משוגע געוואָרן?

ס א כ ע ר: (גיך) איך פארלאנג נישט אומזיסט. איך האָב
געלט. אסך געלט. אין דער שווייץ. אין דער ציוריכער

פעדעראַל־באַנק. די בעסטע באַנק... צוואַנציק טויזנט דאָלאַר האָב איך דאָרט.

נעמיר: און אז דו האָסט, איז וואָס?

סאַכער: כ'האָב אויך לירעס... אויב ס'איז מעגלעך פאַר מיר און פאַר מיין פרוי, אויב נישט דערווייל פאַר מיר פון אַלץ וואָס איך פאַרמאָג גיב איך 50 %.

נעמיר: (מיט א שמייכל) און מערער גיסטו נישט? פונקט די העלפט?

סאַכער: מיר קענען נאָך שמועסן: מיר קענען איבער־שמועסן.. איך בין נישט אן אנגעשפאַרטער, אן עקשן.. איר קענט אים זאָגן אז אויב ער האָט מורא, וועלן מיר אינאיינעם אנטלויפן. ס'האָבן עס אויך אנדערע דייטשן געטון. סוף־כל־סוף קענען זיי נאָך די מלחמה פאַרלירן. ס'האָבן עס געזאָגט יענע... איוואַשאַ... און די אנדערע. איך זאָג עס נישט! איך האָב קיין שום מיינונג... זאָגט אים, זאָל ער אויסנוצן די געלעגנהייט. וויפיל ס'איז נאָך צייט. (נעמיר לאָזט זיך ארויסגייען, סאַכער שפּרינגט אראָפּ פון בעט) איך בעט אייך, גייט נישט אוועק, איך גיב אייך אויך טויזנט דאָלאַר און נעם אייך מיט אין דער שווייץ אָדער ווי איר ווילט, איר זענט דאָך א ייד. ביי גאָט מיר זענען דאָך יידן. אפשר וועלן די ענגלענדער געווינען... זיי האָבן אונדז ליב. לאָרד באַלפור אליין האָט געזאָגט דעם באַראָן ראָטשילד פּערזענלעך, נאָך אין יאָר 1917... און איך האָב דאָרט צען דונאַם ערד... וויינגאָרטן... און א ליקער־פאַבריקל... די ענגלענדער האָבן אונדז צוגע־זאָגט.

נעמיר: (איראָניש) און אז היטלער וועט געווינען?

סאַכער: אז ער וועט געווינען?... ער גיט אונדז קעניא אין אפריקא. דער הער מאַרשאַל גערינג פּערזענלעך האָט עס צוגעזאָגט. (פּויזע) אויב איר ציט פאַר קעניא, קען איך איבערפירן די געלדער פון דער שווייץ קיין קעניא... טראַנספער! און מיר אינוועסטירן דאָרט. אָך בעט אייך רעדט מיטן אָבערשאַרפירער. (נעמיר לאָזט זיך גייען סאַכער כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט,

גרייט זיך אים צו קישן) בלייבט, גייט נים. זאָגט א וואָרט. כאַטש איין וואָרט. איך דינג זיך נישט.

נעמיר: (בלייבט שטיין) דאָס גאַנצע געלד דיינס גיסטו? (מיט איראָניע)

סאַכער: און מיט וואָס וועל איך בלייבן?

נעמיר: גיב אַלץ, אז מען זאָל אַלע ראַטעווען פון דאַנען פון „קרעמאַ נר. 5...

סאַכער: ער קען דען ארויסלאָזן אזוי פיל? זיכער קען קען ער נישט! און סע בלייבן נאָך אנדערע צוריק... אזוי פיל... אין אוישוויץ און אין אנדערע פּלעצער אז מען קען נישט העלפן דער גאַנצער וועלט, זאָל מען זיך אליין העלפן. און אייך... און דער הער אָבערשאַרפי־רער... ביטע קומט מיט א קעגן פאָרשלאַג... (סיהערט זיך א רעש פון דרויסן).

נעמיר: (צו זיך) זיי קומען פון נאַכט־שיכט? אזוי גיך?.. (דער רעש קומט אַלץ נעענטער, געמישט מיט יאַקאָבס געשרייען סע לופט אריין עלי און אהרן)

עלי: נישטאָ דאָ קיינער?... א דאָקטאָר!

נעמיר: וואָס איז געשען?

אהרן: ער קען זיך נישט מער באַהערשן. מען קען אים קוים צוריקהאַלטן.

נעמיר: פון וועמען רעדט מען?

עלי: פון יאַקאָב!

נעמיר: (איבעראַשט) ער? פונקט ער, דער רואיקסטער דער שטאַרקסטער? (לויפט צו דער טיר)

עלי: מיר זענען געקומען פאָרויס, זעען צו עס זענען נישטאָ קיין עס־עס מענער אין דער נאָענט. ער קען נאָך עפּעס אָפּטון וואָס זאָל אים דעם קאָפּ קאָסטן. ער וויל זיי אַלע אויסהרגענען.

אהרן: (מאַכט יאַקאָבס בעט) זאָלן מיר אים שוין זעען דאָ. מיר וועלן פּרוּוון אים באַרואיקן.

נעמיר: (נערוויעזט) אָבער זאָג וואָס איז געשען? (א רעש ביי דער טיר).

אהרן: ער קומט אָן. (עס קומט יאַקאָב, באַגלייט פון סענדער, לייזער־וואָלף און אנדערע וועלכע האַלטן אים פעסט)

סענדער: (דעכעט אויף) דאנקען נאָט ס'האָט אונדז קיר נער נישט פרהאלטן.

יאקאָב: (ווי פארווילדעטע בלייבט שטיין אין מיטן בלאָק. שרייט) לאָזט מיך !לאָזט מיך אָפּ! (רייסט זיך פון זייערע הענט. האָט זיך באפרייט בלייבט א מינוט דעזאָריענטירט).

עלי: יאקאָב, בארואיק זיך.

יאקאָב: (מיט א פארנעפלטן בליק) וואָס? וואָס זאָגט ער? איך זאָל זיך בארואיקן? דו ווייסט וואָס איך האָב געטון? איר ווייסט וואָס איך האָב געטון מיט אָט די הענט מיינע?...

אהרן: שריי נישט!

עלי: שריי נישט, יאקאָב. ס'קען עמעצער קומען. דו פארגעסט, מיר האָבן א פּלאַן.

לייזער־וואָלף: מיר וועלן באצאָלן אלץ... אלץ וועלן מיר באצאָלן...

יאקאָב: ייענן אזא זאך איז נישט פאראן קיין שטראָף...

אהרן: אלצדינג ווערט באצאָלט. ביז צום סוף בלייבט קיין שום מערדער נישט אומבאשטראָפט.

יאקאָב: (כאפּט זיך אָן אין אים) א יאָ, איאָ אז קיין שום מערדער בלייבט אומבאשטראָפט... (פּלוצים ברעכט אויס ווידער) איר ווייסט אָבער ווענען איך האָב ארייננעשטויסן אין אויוון? מיט אָט די הענט מיינע? (שרייט) איר ווייסט ווענען?

עלי: שריי נישט.

אהרן: ס'קען עמעצער קומען. ווילסט שטארבן?

יאקאָב: זאָל מען קומען: סיי ווער. איך האָב קיין מורא נישט פאר קיינעם.

אהרן: וואָס איז. ווילסט שטארבן פּשוט אזוי, א דאָ?...

יאקאָב: (שטילער) ניין! ניין איך וויל נישט שטארבן... אָבער אויך אזוי וויל איך נישט לעבן. איך ווייס: מיר מוזן לעבן. אלע מוזן מיר לעבן. אויף צו קעמפן קעגן די וואָס האָבן אונדז אהער געבראכט... איך וויל נאָך... (פּלוצים) איר ווייסט ווענען כ'האָב ארייננעשטויסן אין אויוון? די מאמע... איך האָב זי דער־קענט, אומפארענדערט, אינעם הויפן פרויען קערפּער,

קערפּער פון קינדער און זקנים פארגאזטע און אָפּגע־שווירענע... האָב איך זי דערקענט און בין געבליבן... דערמאנט זיך דאָס גרויזאמע בילד) דעמלט האָט די בעסטיע פריץ, זיך געשקירעט צו מיר „נאָ, וואָס שטעסט? ווייטער מאכן!” די מוסקלען מיינע האָבן זיך אויסגעשטרעקט, די הענט האָבן אָנגעכאַפּט דאָס אייזן און... (שרייט) דאָס גראָבע ברענענדיקע אייזן האָט נישט צעשפּאלטן דעם קאָפּ פון פריץ, דאָרט צוויי שריט פון מיר. ניין! נאָר עס האָט ארייננע־שטיפּט אין פייער דעם קערפּער פון מיין מאמע. (שיסט אויס אין א געוויין. דער גאנצער קערפּער זיינער ציטערט. נאָך א פּאָר רגעס, איבערוועלטיקט זיך, רואיק צו אהרן) גיי צוריק, צוריק צו דער ארבעט. בארואיק די מענטשן. ס'זאָל אן אנדערער נישט טון די זעלבע נארישקייט. זיי זאָלן זיין רואיק, וואָס ס'זאָל נישט געשען. (לענט זיך אָן אין זיין בעט).

נעמיר: ס־ס־ס־ט! איר הער שריט.

עלי: באהערשט זיך! פארגעס ניט מיר האָבן א פּלאַן... דו האָסט א ראָל.

יאקאָב: (ווי דערוואכט) יאָ... מיר האָבן א פּלאַן... (דריקט פעסט צונויף די פויסטן) מיר וועלן באצאלן: נישט איינער פאר איינעם נאָר אלע פאר אלע.

סענדער: כפל־כפלים... הונדערט מאָל און טויזנט מאָל... (סיקומען אריין מילער, היינץ און פריץ).

נעמיר: (שרייט) אכטונג!

מילער: נאָ! וועלכער איז ער?

פריץ: אָט דער! (ווייזט אויף יאקאָבן).

מילער: איך האָב עס דערוואָרט. דאָס איז יענער וועל־כער האָט מיך אזוי מאָדנע אנגעקוקט ווען ער איז אהערגעבראכט געוואָרן... ער העצט די איבעריקע?

פריץ: יאוואָל, הער אָבערשארפירער ער העצט זיי צו רעוואָלט!

מילער: אלזאָ, הייסט עס צו אויפשטאנד. דאָ אין אוי־שוויץ — אויפשטאנד! הא־הא־הא!

פריץ: היינט אין מיטן דער ארבעט איז ער פּלוצים

שטייען געבליבן. (מיסטעריעז זיך צושמייכלענדיק) איז געווען דער צייכן צום אויפשטאנד.

מ י ל ע ר: פארפלוכט נאָכאמאל!... ער האָט געוואנט... (מיט וואקסנדיקן צאָרן) איך וועל דיר שוין ווייזן... (נעמט ארויס דעם רעוואָלווער צילט אויף יאקאָבן, וועלכער פינטלט אפילו נישט) פארפלוכט נאָך אמאָל...

ה י י נ ץ: פארפלוכט!

פ ר י ץ: פארפלוכט!

מ י ל ע ר: (דערמאנט זיך פלוצים, דרייט זיך אויס צו נעמירן) און דו אויסוואורף, וויאזוי היטסטו דאָ? אָ־דער ביסטו אפשר מיט זיי איינם הא? דו ביסט אָפנעשאפט. וועסט גייען צו דער ארבעט אין קרעמאָטאָריום... שטאט דיר וועט זיין... (קוקט זיך ארום) ער! (ווייזט אויף עלי און נאָך א רגע צו יאקאָב) און דו... דו מיינסט אז איך האָב זיך פארעדט, האָב איך פארגעסן אין דיר און וועל דיך נישט שיסן? וואָס זאָגט איר היינץ, פריץ. ער מיינט איך וועל נישט שיסן?

פ ר י ץ: ער מיינט...

ה י י נ ץ: איר וועט נישט שיסן.

מ י ל ע ר: הא־הא־הא! ביסט מוטיק, דערווידערסט מיר מיין בליק! (שיסט, יאקאָב פאלט א טויטער, מילער אינאיינעם מיט פריץ און היינץ גייען ארויס גיך. דער האס פינקעלט אין די אויגן פון די העפטלינגען. א רגע נאָר און סיפאלט גיך דער

פ אָ ר ה א נ ג

דאָס פערטע בילד

דער זעלבער דעקאָר. נאכט. עלי זיצט אין א ווינקל, אויף יאקאָבס בעט, ביים טישל און שרייבט בא א שוואַכער ליכט פון א לאָמפ וואָס איז געמאכט פון א קאָנסערוון־שאכטל. אויוון אין זיין בעט ליגט סאכער, פארגלאָצט, איינגעהילט אין דער שווארצער דעק).

ע ל י: (לייענט די לעצטע שורות) „...טייערע מארטא אויב דו וועסט הערן דינערן און פלאמען וועלן זיך ציען ארויף אין הימל, זאָלסטו וויסן: דאָס זענען געווען מיר פון קרעמא נומער 5"... (א פאר דגעס שטיל. דער נאָך הערן זיך טריט, עלי נעמט צוזאמען גיך דעם בריוו) ווער איז דאָס?

א י וו א ש א: (קומט אריין) איך איוואן. וואָס זוכסטו דאָ? ווו איז נעמיר?

ע ל י: בא דער נאכט־שיכט, מיט די איבעריקע. איך בין בלאָקעלטסטער אויף זיין אָרט.

א י וו א ש א: וויאזוי? (נאָך א ווילע) אפשר איז בעסער אזוי.

ע ל י: האָסט געבראכט?

א י וו א ש א: צוליב דעם בין איך געקומען.

ע ל י: וויפיל?

א י וו א ש א: גענוג!

ע ל י: (קוקט אויפן בעט, ווי סע ליגט סאכער, שעפשטעט) סאכער איז דאָרט. (שטיל. איוואשא מאכט א פאָר שפאן אין צימער. סאכער רירט זיך נישט) דער שפרענגמייסטער האָט נישט באמערקט אז זיי פעלן?

איוואשא: ער האָט זיך געמאכט נישט זעענדיק. ביים אוועקגייען האָט ער מיר אנגעוואונטשן „דערפאָלג".

עלי: איך בין פונקט פארטיק געוואָרן מיטן בריוו צו מארטאן. אָט גיב מיר דאָס פעקל. איך וועל עס אי־בערגעבן אין קרעמא נומער 5.

איוואשא: איילט זיך נישט! עס זענען נאָך אָרגאַני־זירט עטלעכע גרופּן אין טשעכישן און אין פוילישן לאַגער. וויפיל איך האָב געקענט ארומנעמען אַלע וועלן גלייכצייטיק האנדלען. איך דארף נאָך זען אויב זיי האָבן באקומען די געווער און אמוניציע.

עלי: געווער? אמוניציע? פון וואנען?

איוואשא: א גרופּע ארבעט אין א מוניציאָנס־פאבריק, לעבן לאַגער דאָרט איז אויך מארטא. די נאכט־שיכט דאָרט „פארזאָרגט" שוין די געווער... אונדזערע חב־רים ווארטן דערנאָך אויפן צייכן. דאָס פייער וועט אויסברעכן אין דערזעלבער צייט אין עטלעכע ערטער. דאָרט ווו די בעסטיעס דערווארטן עס נאָר נישט.

עלי: און דעם צייכן? ווער גיט אים?

איוואשא: קרעמאטאָריום נומער 5... זאָלן מיר זיך צו־איילן. טראָג דאָס פעקל און זאָג די חברים אַלץ. גיב אכט אויף די צינדר־שנורן. די חברים זאָלן זיין גרייט. דערנאָך קומסטו צוריק אהער. אויך איך קום צוריק אין א צען מינוט. דעם בריוו שיק איך מארטאן דורך א פארבינדונג.

עלי: איוואשא? פארוואָס מוזטו אויך זיין דערביי? פארוואָס זאָלסטו זיך דאָס לעבן איינשטעלן?

איוואשא: ס'האָט דיר פארכאפּט דער סענטימענ־טאַליזם?

עלי: דיין לעבן איז דאָך נישט אזוי באדראָט ווי אונד־זערס?

איוואשא: הייסט עס, מיר ארבעטן נאָר וועגן אונדזער לעבן?... חוץ דעם וועמענס לעבן באדראָט נישט דער פאשיזם? לאָמיר גייען! (אומארמט אים און גייען ביידע גיך ארויס).

(סאכער שפּרינגט אראָפּ פון זיין געלעגער, ער איז געל און פינסטער נערוועז מיט די אויגן. וויל ערגעץ

גיין. בלייבט שטיין אין דער מיט. מען הערט אין דרויסן קאַדענצירטע טריט. סיקומט אריין דער אָבער־שארפירער מיט היינץ און פריץ).

סאכער: (ווערט פארגליווערט און שרייט) אכטונג!

מילער: וואָס פאר א „אכטונג" איז אויף דיין קאָפּ? וואָס זוכסטו דאָ? ביסטו געזונט איז צו דער ארבעט, ביסטו קראַנק — אין איווון אריין!

סאכער: (די ציין קלאַפּן אים פאר שרעק און פיבער) כ'האָב פיבער... אָבער איך בין געזונט. איך פיל זיך, גוט.

מילער: וואָסזשע זוכסטו דאָ?

סאכער: איך האָב געווארט אויף אייך.

מילער: אה, זאָ! מיר זענען הייסט עס אין וויזיט איי־נער ביים צווייטן?... און ווי איז דער בלאָקעלטסטער? (דערמאָנט זיך) א! איך האָב אים געביטן. — ווו איז דער נייער?

סאכער: (ווי ארויס פון די זינען, כאפּט ער אָן דעם אָבערשארפירער ביים אָרעם. ער וויל אים קושן די קליידער) הער אָבערשארפירער איך וויל לעבן! איך וויל לעבן... איך האָב געלט אין דער שווייץ... אסך געלט בא דער ציוריכער פעדעראל־באַנק, דאָלאר האָב איך... דאָלאר...

מילער: (חזרט איבער) דאָלאר...

סאכער: און שווייצער פראנק און פונט שטערלינג. אסך געלט איך בין נישט איינער פון די... שנאָרער... מיר קענען פאָרן אינייגעם אין דער שווייץ.

מילער: (קוקט ערנסט ארומער. פריץ און היינץ דער־ווייטערן זיך א פּאָר טריט). קענסט מאכן מיר זאָלן אַנקומען אין דער שווייץ? (שמייכלט).

סאכער: א ווילע נישט אין קלאָרן. דערנאָך פיבעריק) איך קאָן, איך קאָן! איר פירט אונדז נאָר ארויס פון די דייטשע ליניעס. דאָס איבעריקע באזאָרג איך... איך וואָלט געוואָלט בעטן פאר מיין פרוי אויך. אויב ס'איז מעגלעך... אויב נישט, איז דערווייל נאָר איך. מיר ברענגען זי שפּעטער (ער בלייבט פּלוצים דער־שראָקן, נישט זיכער צו מען נעמט אים ערנסט).

מילער: (פארשטייט. אז פריץ און היינץ האָבן אלץ געהערט. צעלאכט זיך) הא־הא־הא! פריץ, היינץ איר האָט געהערט? ער האָט גנעלט אין דער שווייץ.

פריץ: (מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן) גנעלט אין דער שווייץ...

היינץ: (אויך אזוי) ...גנעלט אין דער שווייץ...

מילער: און וויל עס מיר געבן...

היינץ: (ווייסט נישט צו ער זאָל זיך וווּנדערן, זיין איינפארשטאנען אָדער רעוואָלטירט) — ער וויל עס אייך געבן...?

מילער: הא! הא־הא! אבער דאָס גנעלט וועט דאָך זיין אונדזער.

סאכער: וואָס? וואָס הייסט?

מילער: ...די שווייץ וועט דאָך אויך זיין אונדזערע, די גאנצע וועלט וועט זיין אונדזערע... (שטראַם) דער פירער וועט באהערשן די גאנצע וועלט. נישט אזוי, היינץ, פריץ?

פריץ־היינץ: (אויף איינמאָל) יאוואָל, הער אָבער־שארפירער, הייל היטלער!

מילער: (ציט ארויס דעם רעוואָלווער) פארפלוכטער יוד!

סאכער: (טויט דערשראָקן) שיסט נישט הער אָבער־שארפירער. פאלט אויף די קניעס) איך האָב עפּעס אנדערש פאר אייך. זייער גוטס. איך האָב עפּעס בעסערס ווי דאָלאר. אז איר באפרייט מיך, דערציילן איך אייך עפּעס!...

מילער: (נאָך אלץ סטראשעט מיטן רעוואָלווער) וואָס מעקעסטו דאָרט? זאו־הונט.

סאכער: (גיך) זיי זענען ערשט ביידע ארויסגעגאנגען... זיי גרייטן עפּעס צו... עפּעס, איך ווייס נישט וואָס, אָבער איך האָב געפילט... איוואשא און...

מילער: איוואשא? ווער איז איוואשא?

סאכער: א רוס! א באָלשעוויק... ביידע זענען באָלשעוויקן... גרייטן עפּעס צו... איך ווייס נישט וואָס, אָבער איך האָב געפילט.

מילער: (פארבלופט) באָלשעוויקן? קאָמפּלאָט... דאָ אין אוישוויץ! אה־הא־הא!

פריץ־היינץ: (צוערשט ערנסט, דערנאָך זיי אויך) הא־הא־הא!

מילער: (ערנסט צו סאכער) גערענק ייד, אויב דו נארסט מיך אָפּ... הייסט עס א קאָמפּלאָט?

סאכער: נישט איך! זיי. איך בין אן אנשטענדיקער מענטש. א גרויס אינדוסטריעלער און סוחר. מיין גאנץ לעבן בין איך געווען זיי א שונא. איר מעגט זיך נאָכפרעגן אויף מיר. סאכער, הערמאן סאכער... זיי מוזן באלד קומען. איך האָב געהערט ווען זיי האָבן געזאָגט: „צוריק אהער!"

מילער: (קלערט א ווײַלע) נא, גוט! גיי ארויף אין בעט אריין און ווארט. ריר זיך נישט. פארשטאנען! (מען הערט שריט פון דרויסן. צו די סאָלדאטן) גיך, מיט מיר אהער! (זיי גייען אריין אין דער קאבינע פונעם בלאָקעלטססטען און פארמאכן די טיר. א פּאָר מינוט שטיל. מען הערט שנעלע טריט. עס קומט אריין איוואשא אין תכף נאָך אים, עלי).

עלי: פונקטלעך!

איוואשא: ווי קראָנאָמעטרישע זייגערס.

עלי: האָסט איבערגעגעבן?

איוואשא: איך האָב צוגעשיקט. דו?

עלי: אלץ צוגעגרייט.

איוואשא: לאָמיר גייען. יעדע רגע איז טייער!

עלי: יאָ, לאָמיר גייען. (זיי לאָזן זיך גיין צו דער טיר. פון דער קאבינע קומט ארויס מילער מיט די צוויי סאָלדאטן, די רעוואָלווערס אויסגעשטרעקט און פארשטעלן דעם וועג).

מילער: האלט!... אָט אזוי, מיינע טייערינקע, וווהין? (צו איוואשא) ווער ביסטו דאָ? (קומט צו אים נאָענט) אהא, „אָסטלאנד" סאָוועטישער הונט... א סאָוועטישער הונט און א פארפלוכטער יוד... שיינע געזעלשאפט! (פלוצים) נאָ, רעדט! רעדט ווייטער. פארוואָס זענט איר שטיין געבליבן?... איר רעדט אָדער איך דערשיס אייך ווי די הונט?... איר שווייגט? נאָ הויב איך אָן מיט יעדן באזונדער (צו איוואשא) קודם מיט דיר, ווייל דו ביסט א נייע באַ־

קאנטשאפט. נישט אזוי, מיט אים הייבן מיר אָן פריער הײנץ?

פריץ־הײנץ: (אויף איינמאָל) יאוואָל, הער אָבער־שארפירער!

מילער: (צו איוואשא) נאָ, רעדסט? יאָ? (שטרעקט אויס דעם רעוואָלווער צו איוואשא וועלכער פינטלט אפילו נישט מיט די אויגן. א פּאָר מינוט שווערע שטילקייט. פלוצים קערט זיך מילער אום צו פריץ און הײנץ) ער מיינט איך וועל נישט שיסן...

פריץ: ער מיינט...

הײנץ: איר וועט נישט שיסן.

מילער: אָט שיס איך.

עלי: (שרייט) ניין! איך זאָג אלץ. (פארשטעלט איוואשא מיט זיין גוף).

איוואשא: ביסט משוגע? (כאפּט אים אָן דעם אָרעם).

מילער: (מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער) לאָז אים רעדן!

עלי: (כאפּט אָן איאַוואשאס אָרעם) לאָז מיך. (שעפּ־שטעט) איך וועל אים דערציילן א מעשה! איך נעם אלץ אויף זיך! (אויפן קול) הער אָבערשארפירער, אז איך זאָג אלץ שענקט איר מיר דאָס לעבן?

מילער: הונט! (זיס) איך בין אַן ערנמאַן...

איוואשא: (שעפּטשעט צו עלי) ער וועט דיר נישט גלייבן. (אויף א קול) לאָז מיך! (צו מילער) איך דערצייל אלץ.

מילער: אזוי יאָ. איר זענט ביידע בראוו געוואָרן. נאָ רעדט! אָט לעג איך צוריק דעם רעוואָלווער.

איוואשא: סיי־ווי־סיי איז אלץ פארלוירן. איך וויל אייך ווייזן דאָרט אויפן אָרט קומט מיט מיר.

עלי: (שרייט) וואָס טוסטו?

איוואשא: (שרייט צוריק) ס'איז אלץ אומזיסט!

מילער: מאָמענט. זאָלן מיר דעם אויך מיטנעמען. (צו סאכער) היי, קום אראָפּ!

סאכער: (די ציין קלאָפּן אים פאר קעלט און פחד). אָבער פארוואָס הער אָבערשארפירער?

מילער: קום, איך זע דו האָסט נישט געזאָגט קיין ליגן... (שטרענג) ריר זיך שוין!

סאכער: יאוואָל, הער אָבערשארפירער. (ער גייט אראָפּ ציטערנדיק איינגעהילט אין דער שווארצער דעק) איר דערלויבט מיר זיך ארומהילן? (ווייזט די דעק) איך פיבער, ס'איז מיר קאלט... (פלוצים דערשראָקן) אָבער איך בין נישט קראנק.

מילער: (צו איוואשא) גיי פאָרויס און ווייז אונדז דעם וועג. געגאנגנען!

עלי: (צו איוואשא) פארוואָס האָט ער געזאָגט... „האָסט נישט געזאָגט קיין ליגן?"

מילער: (שרייט) האָסט עפּעס צו אים געשעפּשטעט. וואָס? (כאפּט אים אָן ביים קארק).

עלי: איך האָב נאָר איבערגעחזרט וואָס איר האָט געזאָגט צו דעם הער סאכער...

איוואשא: ביטע, קומט מיר נאָך, הער קאָמאנדאנט!

מילער: אויף יעדן פאל, פריץ, הײנץ, גיט אכטונג. די לאמטערן אין די הענט! די רעוואָלווערס, אויסגע־שטרעקטע. (ער נעמט אויך ארויס זיין רעוואָלווער) מיר גייען. (צו איוואשא) ווייז דעם וועג!

איוואשא: איך וועל אייך ווייזן... איך וועל אייך ווייזן דעם וועג.

אלע גייען ארויס).

פ אָ ר ה א נ ג

דאָס פופטע בילד

בײם קרעמאַטאָריום נומער 5. אין א זײט די אױװונס־רױטע, מאַסיװע, ציגלגעבײדן, מיט אײזערנע טירן װי בײ די דאַמפּ־קאַזאַנען פון די געבײדן ציט זיך ארױס דער קױמען װאָס שטעכט אדורך דעם בױדעם פונעם צימער. אױף דער אנדערער זײט א פענסטער אין מיטן די אַרײנ־גאַנג־טיר. װען דער פאָרהאַנג גײט אױף, איז נאַכט, די בלײכע ליכט פון א עלעקטער לאָמפּ באַלױכט די קערפּער פון די העפטלינגע. זײ גלאַנצן פון שװײס. טײל האָבן די רעקלעך אױסגעטון, טײל זענען צעקנעפּלט. נעמיר, אהרן, לײזער־װאָלף און אנדערע שטײען ארום די אױװונס מיט די אײזן־שטאַנגען, װעלכע זענען נאָך רױט אָנגע־היצט, װי מ'װאָלט זײ געװען גלײך ארױסגענומען פונעם פײער. א העפטלינג שטיפט אן אײזנװעגעלע ביז אין א װינקל פונעם צימער).

1־טער העפטלינג: (בײם פענסטער) איך זע קײנעם ניט. דערװײל קומט קײן שום נײער טראַנספּאָרט.

2־טער העפטלינג: ס'איז אפשר געװען דער לעצטער.

נעמיר: (בײם פענסטער) מיר דאַכט, איך זע עפּעס. (מע־רערע לױפן צו).

לײזער־װאָלף: גאָרנישט!

3־טער העפטלינג: קײנער.

1־טער העפטלינג: איך מײן סע מוז נאָך קומען א טראַנספּאָרט. צו װאָס דען האָט מען אײנגעהײצט דעם אױװון? אומזיסט?

סענדער: (דערשראָקן) אױב סע קומט שױן קײן טראַנ־ספּאָרט מער, קומען מיר... דאָס איז אָבער נישט מענ־

לעך, ביז מע װעט אונדז נישט פאַרגאַזן און דערװײל זענען מיר נאָך נישט פאַרגאַזט. (דערפרײט קינדיש) מיר זענען נאָך נישט פאַרגאַזט!...

1־טער העפטלינג: (דערשראָקן) איך װיל נישט!

אהרן: פאַרלירט זיך נישט. זײט מוטיק. זײט שטאַרק. זײ װעלן נישט דערלעבן אונדז צו...

2־טער העפטלינג: ס'קומט עמעצער!

אהרן: (בײם פענסטער) איװאַשאַ... און עלי.. מיט סאָ־כערן.

נעמיר: הינטער זײ גײט דער אָבערשאַרפירער מיט פריץ און הײנץ.

אהרן: פאַראָטן!

לײזער־װאָלף: דאָס האָט דער װאָרם סאכער געטון!

1־טער העפטלינג: מיר זענען פאַרלױרן....

לײזער־װאָלף: װער רעדט דאָרט נאַרישקײטן?

2־טער העפטלינג: װײ איז אונדז.

3־טער העפטלינג: ס'איז אונדזער לעצטע שעה!

סענדער: קײנער װײסט נישט, װען ס'איז זײן לעצטע שעה.

אהרן: זענען נאָך פאַראַן אנדערע סאָלדאַטן?

נעמיר: (קוקט ארױס) נײן. נאָר מילער, פריץ און הײנץ.

אהרן: איז נאָך אַלץ נישט פאַרלױרן. אים קענגנטײל. איװאַשאַ האָט דאָך געזאָגט אז ער װעט פּרוּװן זײ פאַרנאַרן אהער...

נעמיר: דערװײל ברענגען זײ אָבער איװאַשאַן און עלין.

אהרן: (אנטשלאָסן, צו נעמיר) דו שטײ מיטן אײזן, ס'איז נאָך רױט (צו סענדער) דו אין דער זײט (צו לײזער־װאָלף) דו דאָ! (שטעלט זײ בײ דער טיר).

1־טער העפטלינג: איך װיל אױך!

מערערע: איך אױך! איך אױך!

אהרן: איר שטעלט אײך בײ דער טיר. װיאַזױ זײ קומען אַרײן רינגלט איר זײ ארום, און אױף מײן צײכן... פאַרשטאַנען?

4־טער העפטלינג: (בײם פענסטער) אָט זענען זײ דאָ! (עס קומען אַרײַן די דערמאַנטע. אהרן לעשט אויס דעם עלעקטער לאָמפּ. א געשלעג. די דײַטשן צע־קלאָפּט מיט די אײַזנס שרײַען פּאַר װײַטיק. װען סיװערט װידער ליכט, שטײען איװאַשאַ, עלי און אהרן מיט רעװאָלװערס אויסגעשטרעקט).

מילער: פאַרפלוכט, װאָס באַדײַט דאָס, דאָ?

פריץ־הײנץ: (כאַפּן זיך די הענט) אוי, װײ! — װײ!...

איװאַשאַ: (צו די חברים) גוט! איר האָט גוט געאַר־בעט (צו מילער) אײַן ריר און מע שפּאַלט אײַך די קעפּ. (ער װינקט. נעמיר און מערערע בינדן זײ די הענט אַרונטער)

מילער: (קריצט מיט די צײן) האָסט אײַנגעשטעלט. און װען עס װאָלט דיר נישט געלונגען?

איװאַשאַ: ס'האָט געמוזט געלונגען. מײנסט מיר זענען בהמות װאָס לאָזן זיך קוילן אין אײַער שעכט־הויז.

סענדער: און אפילו װען מיר זאָלן שטאַרבן, שטאַרבן מיר מיטן שונא אינײנעם.

אהרן: מיר װעלן אָבער נישט שטאַרבן.

מערערע: נײן! — מיר װעלן נישט שטאַרבן!

איװאַשאַ: (בײַם פענסטער) װאָס איז דאָס? א גאַנצע גרופּע עס־עס לײַט?

מילער: האַ־האַ־האַ! אַהערקומענדיק האָב איך א צײכן געמאַכט דער װאַך. האַ־האַ־האַ!

פריץ־הײנץ: האַ! האַ! — אוי װײ! — האַ!

איװאַשאַ: מיר װעלן באַלד זען. װאָספאַר א מין האַ־האַ סע װעט זײַן אויף אײַך. (צו עלי און אהרן) קומט אַהער מיטן געװער. מיר לאָזן זײ דערנענטערן. (צו די מענטשן) איר מיט די אָנגעהיצטע אײַזנס האַלט די העלדן אויפן אויג.

אהרן: מיר האָבן נאָך א שטיקל חשבון מיט אָט א דעם. (װײַזט אויף סאַכערן)

איװאַשאַ: טו װאָס דו פאַרשטײסט.

אהרן: (צו סאַכערן) אַנו קום אַהער! (מיטן רעװאָלװער אויסגעשטרעקט)

סאַכער: איך? איך בין א ייד.

אהרן: דו א ייד?

סאַכער: מיר זענען דאָך ברידער.

(אהרן שיסט. סאַכער פאַלט אַנידער צװישן די אויװנס)

סענדער: (דעקט איבער זײַן קערפּער מיט דער שװאַר־צער דעק) ס'שטײט געשריבן „זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטע פון צװישן דײַן פאָלק...

איװאַשאַ: הײ, צום טײװל, א גאַנצע גרופּע קומט פון דער זײַט. (שיסט דורכן פענסטער) אַזױ דער ער־שטער!...און דער צװײטער... זײ קומען שײן אויפגע־דעקט... א מחיה זײ צו צילן... (פון דרויסן שיסט מען צוריק. עלי מיט אהרן שיסן אויך אַרויס דורכן פענ־סטער)

נעמיר: (לויפט צו צו עלי) גיב מיר א רגע. איך בעט דיך! (ער נעמט דעם רעװאָלװער)

עלי: שפּאָרן! האָסט נאָר װײניק קוילן.

נעמיר: (שיסט) דאָס איז פאַר מײַן פרוי... ציטער נישט האַנט מײַנע! אײנע פאַר מײַן מײדעלע... (װײנט) דאָס פאַר מײַן ייִנגעלע פון פינף יאָר (װילד פאַר װײטיק װיל נאָך שיסן. דער רעװאָלװער איז אָבער לײדיק.

מילער: װאָס פאַר א זין האָט אײַער קאַמף? איר זענט דאָך סײ־װי־סײ פאַרלוירן. לאָזט אונדז פרײ און איך שענק אײַך דאָס לעבן. מײַן ערנװאָרט.

איװאַשאַ: (מיט פאַראַכטונג) אײַער ערנװאָרט!

מילער: (דערשראָקן) װאָס װילט איר מיט מיר טון?

איװאַשאַ: װײַז אים.

עלי: (עפנט די טיר פונעם אויװן מע זעט רויטע פלאַמען) מיר װעלן אײַך אײנעם נאָכן אַנדערן אַרײַנװאַרפן אין פײַער.

מילער: (דערשראָקן) נײן! נײן!

אהרן: פאַרװאָס נײן?

(אין דרויסן איז פּלוצים שטיל געװאָרן).

מילער: װאָס איז דאָס? ס'האָט אויפגעהערט דאָס שיסן. פאַראַט? מײנע עס־עס פאַראַטן?

איװאַשאַ: (קוקט אַרויס) נײן! זײ זאַמלען די כוחות.

נעמיר: איך האָב די צינדשנור געלייגט. וואָס טוען מיר איצט?

עלי: אָט קומען זיי מיט מאשינען־געווער.

איוואשא: האַ־האַ־האַ! זיי וועלן אפשר נאָך קומען מיט טאנקן, די העלדן פון אייזערנעם קרייץ. זיי וואגן נאָר דעמלט ווען זיי זענען הונדערט קעגן איינעם (מען הערט אין דרויסן מיטראַליערן. צו מילערן) הער, באַפעל זיי זאָלן אויפהערן שיסן. נאָ! גיך!

2־טער העפטלינג: (ביים פענצטער) זיי דערנענטערן זיך! (כאַפּט אַ קויל אין אָרעם)

איוואשא: וואַרפט זיי אריין אין אויוון! (צו מילער) באַפעלסט? איך צייל ביז דריי. איינס!...

מילער: (שרייט) איך באַפעל! (אונטער איוואשאס רעוואָלווער, גייט ער צום פענצטער)

אהרן: האַ־האַ־האַ! ער האָט אפילו נישט געוואַרט זאָלסט ציילן ביז צוויי.

איוואשא: באַפעל, זיי זאָלן זיך צוריקציִען רעכטס. צו דער שאָסיי. דאָרט זאָלן זיי אויף דיר וואַרטן.

מילער: אָבער דאָס לעבן שענקט איר מיר? איר פאַרנאַרט מיך ניט?

נעמיר: זאָלן מיר אים אונטערשרייבן אַ וועקסל...

מילער: (ביים פענצטער שרייט) היי! ציט אייך צוריק. וואַרט אויף מיר לעבן דער שאָסיי.

איוואשא: איך זע זיי הערן דיך ניט. פאַרקערט זיי דערנענטערן זיך. באַפעל שטרענג! אָבער גיך. (צו די אַנדערע) ס'איז צייט מיר זאָלן געבן דעם צייכן. די חברים וואַרטן (צו אהרן) צינדט אָן!

מילער: (פאַרצווייפלט שרייט ער) וואַך־שאַאַר! ציט אייך צוריק! צו דער שאָסיי. איך קום גלייך. (צו איוואשא) זיי האָבן מיך געהערט. (דאָס שיסן הערט אויף) איצט לאָזט איר מיך גיין?

איוואשא: (קוקט ארויס) זיי ציִען זיך צוריק! גוט אזוי... איצט בינדט זיי. (נעמיר וויקלט צו; ער העלפט אויך) איר מעגט אָנהויבן עוואַקוירן מיר פאַרשפּרייטן זיך דורכן וועלדל... (די מענטשן גייען ארויס) איך בלייב ביים פּיטיל!

אהרן: איך בלייב!

לייזער־וואָלף: איך בלייב מיט מיר וועט נישט פאַרלוירן גייען, ווער ווייסט וואָס...

אהרן: (צו איוואשא) דו טאָרסט נישט איינשטעלן דיין לעבן. איך בלייב.

(פלוצים, פון דער ווייט אַ שטאַרקע עקספּלאָזיע).

איוואשא: דאָס איז מאַרטאַס גרוס... אויב מיר נישט געקענט זיין די ערשטע זאָלן מיר נישט בלייבן די לעצטע. סע מוז איצט קומען די טשעכן און אונגאַרן. נאָ, עוואַקואירט! יעדער מענטש איז אונדז טייער. (עלי גייט ארויס, אהרן און איוואשא צונדן אָן די פּיטילן).

מילער: (וויל פאַלן אויף די קני, קען נישט ווייל זענען דריי צוזאַמענגעבונדן ווינט) לעשט! פאַרלעשט מיינע הערן!

איוואשא: (צו לייזער־וואָלף וועלכער האָט זיך אריינגעכאַפּט און וויל זיך באַהאַלטן און איבערבלייבן) וואָס זוכסטו דאָ? גיי אַוועק!

לייזער־וואָלף: לאָז מיך. וואָס בין איך לעבן דיר... אויב דו שטאַרבסט...

איוואשא: ניי, האָב איך געזאָגט! איך קום אויך נאָך.

מילער: פאַרלעשט איך בעט אייך!

פריץ: פאַרלעשט איך בעט אייך!

היינץ: וואָס זענען מיר שולדיק? מיר האָבן באַקומען באַפעלן.

איוואשא: נישט יעדן באַפעל נעמט מען אָן! (איוואשא צונדט אָן דעם לעצטן צונדשנור פון אונטער די אויוונס)

מילער: (משוגע פאַר שרעק) ניין! פאַרלעשט! פאַרלעשט!

איוואשא: (שטייט אויף) איר האָט אָנגעצונדן אַ גאַנצע וועלט און אייך שרעקט אַזאַ קליין פייערל?

אהרן: און דאָס איז נאָר אַ פונק פונעם גרויסן פלאַם, וואָס וועט פאַרניכטן דעם פאַשיזם! (גייט ארויס)

איוואשא: מיר האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער פון פרייהייט, און קיינער וועט עס קיינמאָל נישט קענען פארלעשן. (ער גייט ארויס)

(א פּאָר רגעס שטיל. נאָר מילער און די צוויי סאָלדאטן קרעכצן און רייסן זיך און וויינען. דערנאָך אן עקספּלאָזיע. פינסטער. רויך)

פארהאנג

עפּילאָג

(דאָס געמיינזאמע עס־צימער פון לאנא און מירא. דערזעלבער דעקאָר ווי אין פּראָלאָג. ס׳איז אין דער פרי. פארן אויפהויבן דעם פאָרהאנג, הויבט אָן דער וואנטזייגער צו שלאָגן: 6.ביים אויפהויבן דעם פאָרהאנג אראנזשירט לאנא עטלעכע בלומען אויפן טיש. דאָס בוך מיט בריוו, וועלכן מען האָט נעכטן געלייענט, ליגט נאָך אויפן טיש. נאָך עטלעכע רגעס קומט מירא פון איר שלאפצימער)

מירא: גוט מאָרגן!

לאנא: ביסט היינט פרי אויפגעשטאנען, מירא.

מירא: אזוי פרי איז? קוק, עס טאָגט שוין.

לאנא: (קוקט אויך דורכן פענצטער) יאָ עס גייט שוין אויף די זון. אונדזערע מענער מוזן יעדע רגע אָנקומען. (קוקט אויפן זייגער) ס׳איז נאָך זעקס.

מירא: אהרן איז תמיד פינקטלעך. נאָר עלי שטעלט זיך געווײנטלעך אָפּ, רעדן מיט דעם, מיט יענעם. איך קען אים נישט צוגעוווינען ער זאָל קומען צו דער צייט עסן.

לאנא: לאָז מירא, ס׳איז נישט אזוי געפערלעך.

מירא: איך בין נייגעריק וויאזוי ער פילט זיך ביי זיין נאכט־ארבעט.

לאנא: אויך איך בין נייגעריק, ווי אהרן האלט מיטן פארמעסט. צו איז אים געלונגען אָדער נישט די איינוועניע מיט וועלכער ער איז אזוי שטאָלץ געווען נעכטן פארנאכט בשעת ער איז אוועק אין פאבריק.

לאנא: איך האָב אויפגעשטעלט אויף טיי. איך גיי אין קיך אריין.

מירא: ביז דעמלט גרייט איך צו טיש (לאנא גייט ארויס. מירא דעקט דעם טיש)

אהרן: (קומט אריין א פרישער, אן אויפגעלעגטער) גוט מאָרגן מירא. וואָס ביסטו אזוי פרי אויפגעשטאנען? דאָס איז נישט דיין טבע. (אָן אָפּצוווארטן אן ענטפער) א... דו ווארסט אויף עלי נאָך זיין ערשטער נאכט־שיכט... אָבער ווו איז לאנא?

לאנא: (קומט אריין מיט א הייסן טשייניק) אהרן איך האָב געהערט דיין שטים טייערער!

מירא: אָבער ווו איז עלי?

אהרן: נאָך אביסל דאָרט געבליבן. ער דארף פארענדיקן די ארבעט. ער מוז באלד אָנקומען. (אלע דריי זעצן זיך צום טיש)

לאנא: אָבער וויאזוי שטייסטו מיטן פארמעסט? וויאזוי איז דיר געלונגען די אינווענציע?

אהרן: (לאכט פריילעך) הערט וואָס ס'האָט מיר פאסירט. איך קום נעכטן אין פאבריק אריין, א ביסל שטאָלץ, מיט דעם דיספּאָזיטיוו אין קעשענע. טראיאן איז שוין געשטאנען אנטקעגן ביי זיין מאשין. מאכט מיר א צייכן: מיר האָבן ביידע מאשינען א לאָז געטון אין דער זעלבער רגע און נאָך עטלעכע מינוט, אָנווענדנ־דיק דעם דיספּאָזיטיוו — טראַק! האָט זיך מיין מאַ־שין אָפּגעשטעלט. די פעדעם האָבן זיך פארפּלאָנטערט. אקעגן הער איך דאָס גלייכמעסיקע קלאַפּן פון טרא־יאנס מאשין. מיין מאשין שטייט... פון טראיאנס מאשין רינט דער שטאָף מעטער נאָך מעטער — א מחיה. מיך באפאלן אָנגסטן, און די הענט ציטערן מיר פאר אויפרעגונג. איך באוויין אפילו נישט ארויסצו־שלעפּן דעם דיספּאָזיטיוו פון צווישן די פעדעם, איך זאָל אים אוועקווארפן... פלוצים פיל איך אז עמעצער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער מיינע פּלייצעס און בויערט מיך דורך מיט זיין בליק.

לאנא: ווער איז עס געווען?

אהרן: טראיאן! א — זאָגט ער מיר אין אויער אריין— א וואונדערבארע אינוועציע האָסטו געמאכט ברודער אהרן. א וואונדערבארע? צום טייוול ענטפער איך

ברוגז, חזקסט נאָך פון מיר. פארקערט! איך זאָג עס זייער ערנסט! — ענטפערט ער מיר און שטויסט מיך שיין אוועק אין א זייט און פּלאָנטערט ארויס רואיק דעם דיספּאָזיטיוו פון צווישן די פעדעם — „נאָר א גאָר קליינעם פעלער דארף מען פארעכטן."

לאנא: און האָסט אים פארעכט?

אהרן: טראיאן האָט זיך גענומען פארעכטן. ביידע זענען מיר געשטאנען אפשר מער פון א שעה, אָנגעבויגענע איבער דער מאשין און ווען מיר האָבן איר דעם וועג געגעבן איז אלץ געגאנגען ווי אויף רעדער. דער דיס־פּאָזיטיוו האָט געארבעט וואונדערלעך, דער שטאָף איז געגעבן איז אלץ געגאנגען ווי אויף רעדער. דער דיס־

לאנא: אזוי? און מיטן פארמעסט ווי האָלסטו? וואָס פאר א רעזולטאט?

אהרן: קיינער פון אונדז האָט נישט געווינען.

לאנא: קיינער? פארוואָס?

אהרן: איך האָב טראיאנען געגעבן דעם דיספּאָזיטיוו ער זאָל זיך מאכן דעם זעלבן און דעם פארמעסט הויבן מיר ערשט אָן פון מאָרגן. דער היינטיקער טאָג רעכנט זיך נישט. אזוי האָבן מיר אָפּגעמאכט.

מירא: זייער גוט!...

לאנא: אזוי איז אויך ערלעכער. מאָרגן גייט איר אריין אין פארמעסט מיט גלייכע כוחות.

עלי: (קומט פלוצים אריין. זיין פנים שטראלט פאר פרייד) שטעלט אייך פאָר קינדער וואָס פאר א איבע־ראשונג איך האָב איצט געהאט, קומענדיק אהיים

מירא: זאָג בעסער פאָרוואָס דו האָסט פארשפּעטיקט.

עלי: איך האָב זיך אונטערוועגס באגעגנט...

מירא: (מאכט זיך ברוגז) איך האָב אייך געזאָגט, ער האָט זיך באגעגנט...

עלי: אָבער ווארט זאָלסט הערן מיט וועמען. וויאזוי איך גיי ארויס פון פאבריק און לאָז זיך אריבערגייען די גרויסע גאס, הער איך א שטים: „היי, חבר עלי!" ווער מיינט איר איז עס געווען?

לאנא
אהרן
מירא
ווער? ווער איז עס געווען?

עלי: לייזער־וואָלף!

אהרן: (דערפרייט) לייזער־וואָלף? ער לעבט?

עלי: ער איז זיך געפאָרן אזוי אין מיטן גאס, אויף א וואָגן מיט צוויי אָקסן. איר האָט אים באדארפט זעען! מיט א פּאָר גרויסע וואָנציעס און מיט א געזונט אָפּ־געברענט פּנים.

אהרן: (מיט ווארעמקייט) לייזער־וואָלף?... פארוואָס האָסטו אים נישט אהער געבראכט?

עלי: אי! האָט ער דיך אויך געוואָלט זעען! ער איז אונ־טערגעשפּרונגען ווען איך האָב דיין נאָמען דערמאנט. (צו די פרויען) און מיט אייך וויל ער זיך אויך בא־קענען.

לאנא: פארוואָס איז ער נישט געקומען?

עלי: (מיט דער שטים פון לייזער־וואָלף) „צום ערשטן די פליכט — האָט ער מיר געזאָגט — איך האָב צו טון." ער ארבעט אויף א מלוכה־פארם, דאָ נישט ווייט. ער האָט געהאלטן פונקט אין איבערפירן אקעראייזנס און אנדערע זאכן אויף וועלכע מעווארט דאָרט דרינגענ־דיק. איבער אכט טאָג זונטיק קומט ער אונדז נעמען, אין אויספלוג אויף דער פארם.

עלי: איך האָב אים אונדזער אדרעס געגעבן. און ער מיר זיינעם. נעם, לייען! (דערלאנגט אים א צעטל. לאנא און מירא קוקן אויך אריין)

אהרן: (לייענט) „לייזער־וואָלף הערשטיק — ביי דער מלוכה־פארם אין לונקא." וואָס איז מיט דעם?

עלי: ער האָט עס געשריבן.

אהרן: לייזער־וואָלף שרייבט?

עלי: פונקט דערפאר וויז איך עס דיר.

לאנא: און וואָס פארא שיינע שריפט.

עלי: ער האָט מיר דערציילט אז ער לייענט פאָר אָפּטמאָל דאָס לייט־ארטיקל פון דער צייטונג. די אויגן זענען אים פייכט געוואָרן ווען ער האָט מיר געזאָגט „ווייסטו

עלי ווען איך קוק צוריק דאכט זיך מיר אז מיין גאנץ לעבן ביז צו דער באפרייונג, האָבן מיך מיינע אויגן אראָפּגעצויגן אז איך פלעג זעען נאָר שווארצע ערד און בלאָטע... און... און ס'איז אלץ ארום מיר אזוי ווי נאכט געווען; א מין נאכט־שיכט דאָס גאנצע לעבן... איצט אָבער — האָט ער מיר געזאָגט — קען איך אויפהויבן מיין בליק און איך זע גרינע לאָנקעס און פעלדער מיט גאָלדענע זאנגען און זון — א דאנק דער פארטיי.

אהרן: ער האָט עס אזוי געזאָגט? ער אליין „א דאנק דער פארטיי?"

עלי: יאָ, ער האָט עס געזאָגט. (נאָך א קליינער פויזע ביים טיש) וואָס זוכט דאָס בוך דאָ? וואָס פארא קאַ־פּיטל האָט איר אזוי פרי געלייענט?

לאנא: ניין, מיר האָבן נישט געלייענט. מיר האָבן נעכטן אויף דער נאכט אסך גערעדט און דאָ האָבן מיר גע־האט דיין בריוו צו מארטאן.

מירא: זי האָט מיר אים איבערגעלייענט.

לאנא: און מיר האָבן געטראכט צוריק.

עלי: ווי ווייט זענען מיר פון יענער צייט!

אהרן: און מיט יעדן ארבעטס־טאָג, מיט יעדער נאכט־שיכט דערווייטערן מיר זיך פון דער שווארצער נאכט אין אוישוויץ און זי בלייבט צוריק ווי א פונקט, ווי א שווארצער פונקט...

עלי: (פירט ווייטער דעם געדאנק) א שווארצער פונקט אין דער פארגאנגענהייט, ווי א וואָרענונג אז קיינמאָל און ערגעץ זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס, וואָס איז געווען.

מירא: קיינמאָל!

לאנא: ...און אין ערגעץ זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס פארגאנגענע.

עלי: אָבער איר האָט געלייענט די נעכטיקע צייטונג? וועגן פּראָצעס קעגן די קאָמוניסטן אין אמעריקע?

אהרן: אויך די איצטיקע מלחמה־העצער וועלן ברעכן דעם קאָפּ. (נאָך א פויזע) האָסט געזאָגט אז איר האָט צוריקגעטראכט לאנא?

לאנא: יאָ!

אהרן: אויך מיר האָבן אין דער שיינער קלאָרער נאכט געטראכט, אָבער פאָרויס, צו דער צוקונפט. א, שטייענדיק ביי אונדזערע מאשינען, פילנדיק די געגנוואַרט אין אונדזערע הענט, אין די הענט פון די הונדערטער מיליאָנענן ארבעטער, האָבן מיר געטראכט אין דער צוקונפט... צו גאָר פשוטע זאכן... מיר האָבן געטראכט אז אלץ מער און מער אָנגעטועכץ און פראָדוקטן וועלן פון אונטער די ארבעטערס הענט ארויס; אלץ רייכער און בעסער וועט זיין דאָס ברויט ביים פאָלק, אלץ מער ליכט וועט זיך צעשיינען און אונדזער היימלאנד. (מע הערט וויינען א קינד).

לאנע: ססססט! ער האָט זיך אויפגעכאפט. (א רגע שטיל. מען הערט זיך איין).

לאנא: (שטייט אויף און גייט רעכטס אריין אין שלאָפצימער).

אהרן: ער האָט געפילט אז דער טאטע איז אינדערהיים, (צו מירא און עלי). איר ווייסט דען וואָס עס הייסט א קינד? איר ווייסט נישט!

עלי: (אביסל שטאָלץ און שעמעוודיק). אָבער מיר וועלן אויך באלד וויסן... (קוקט זיך איבער מיט מיראן).

לאנא: (קומט אריין מיטן קינד אויף די הענט, אלע נעמען עס ארום) קוק! קוק! ווי עס לאכט. נשמה מיינע. (צום קינד) דו, דו ביסט די צוקונפט...

פארהאנג

ארויסגעגעבן אונטער דער השגחה פונעם יידיש-קאָלעקטיוו ביי דער יידישער סעקציע פון מלוכה-פארלאג בוקארעסט.

באמערקטע פעלער

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
12	6	וועז	געווען
13	16	געשטעפטשעט	געשעפטשעט
14	35	דורגעגאנגען	דורכגעגאנגען
15	4	געשטייפטע	געשטרייפטע
26	5	אויסעצייכנט	אויסגעצייכנט
31	1	פארגעצויגענע	פארצויגענע
32	13	פארגאנגען	דערגאנגען
32	29	איז	איר
45	9	קען ער נישט	ער נישט
65	12	—	גערינגען כוואַליעס, כוואליעס פון דער מאשין

ES

1.70

פרייז ליי 40